בעזהשי"ת

סֵפֶר

# אִישׁ אֱמוּנוֹת עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַפֶּסַח

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַז מְ'פָּאלְגְט אַן עֶרְלִיכְן אִיד, הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי פְּלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַּארְקְוִיפְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמּוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ פְּלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן - צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת וִוי צוּ הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן, עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב דֶער

מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ און עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סַיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים. ווייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ און פָאלְגְן; אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ, אָדֶער עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל און גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאגְן זִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי בְּרִיוְון; אַלֶע בְּרִיוְון וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן אִיז נָאר בִּזְכוּת מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״ש וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוֹיף אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אַז דַיין צְוֵויי יֶערִיגֶע קִינְד שְׁלָאגְט זַיין יוּנְגֶערֶע בְּרִידֶער און דוּ פְרֶעגְסְט צִי פֶּעטְשׁ וֶועט הֶעלְפְן וְכוּ׳; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״מִיט גוּטְ׳ן פּוֹעֵלְ׳ט מֶען מֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְ׳ן״; פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אִים, גֶעבּ אִים אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁלָאגְן דַיין יוּנְגֶערֶע קִינְד. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט דֶעם יוּנְגֶערְן אִיז וַוייל עֶר שְׁפִּירְט וִוי דֶער יוּנְגֶערֶער נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים זַיין אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלֶכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי״עַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן און גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער״; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**"ווי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן"; זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אוּם פֶּסַח.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת - עֶסְן דִי מַצָּה אוּן דִי מָרוֹר, טְרִינְקֶען דִי ד' כּוֹסוֹת, אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ; דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה אוּן קְדוּשָּׁה.

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט ווִי עֶר ווִיל, "שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ ווִיל!" וָואס מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל; דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

נֶעכְטְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי - עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִּיר זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן - סַיי פוּן מִיר אוּן סַיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן ווִי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב - לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם
~~~~~~~~~~

יִתְבָּרֵךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרֵךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּער קְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן צִי נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן פֶּסַח דִי אַלֶע זַאכְן וָואס קוּמֶען הַיינְט אַרוֹיס מִיט אַן הֶכְשֵׁר; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי רַבָּנִים וָואס גֶעבְּן אַן הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן!" אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ נִישְׁט וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ אַז זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען עֶסְט סִירְיֶעל, פִּיצַא אוּן בֶּעיגֶלְ'ס וְכוּ'; פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען עֶסְט נִישְׁט נָאר וָואס מֶען מַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעזֶעעֶן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן. קוֹיף אַסַאךְ מַצָּה, דָאס זָאלְסְטוּ עֶסְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב - דוּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; יֶעדֶע שְׁטִיקֶל מַצָּה אִיז אַ רְפוּאָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט יֶעדֶע שְׁטִיקֶל מַצָּה אֱמוּנָה.

מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיס צוּ מַאכְן חוֹל הַמּוֹעֵד אִין יְשִׁיבָה אַ צַייט פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען וֶועט זֵיי וַוייזְן כָּשֵׁר'עֶ עֶרְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וָואס מֶען הָאט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יְשִׁיבָה - סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר מֵיידְלֶעךְ, כְּדַאי זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פְּלֶעצֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**דִי הֲלָכוֹת פוּן כַּשֶׁרְ'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ כַּשֶׁרְ'ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר הֲלָכוֹת כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ כַּשֶׁרְ'ן דַיין קָאךְ לִכְבוֹד פֶּסַח.

**פְרִידְזְשִׁידֶער** - דָאס דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְוַואשְׁן וַוייל דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען הַאלְט חָמֵץ אַ גַאנְץ יָאר; מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן וַוייל מֶען הַאלְט דָארְט נָאר קַאלְטֶע זַאכְן. אָבֶּער הֱיוֹת אַסַאךְ מָאל לֵייגְט מֶען אַרַיין דָארְט אַ הֵייסֶע טָאפּ, אִיז וִויכְטִיג אִיבֶּער צוּ דֶעקְן אַלֶע שֶׁעלְפְס מִיט אַ צוּדֶעק אַז עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר פַאר פֶּסַח.

**כַּשֶׁרְ'ן** - מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן נָאר אַז מֶען קֶען גוּט דִי הֲלָכוֹת:
~~~~~~~~~~

די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן וֶוען מֶען כַּשֶׁר'ט אַז מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן קֵיין שְׁמוּץ; דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דִי זַאךְ וָואס מֶען כַּשֶׁר'ט אִיז נִישְׁט זוֹיבֶּער הֶעלְפְט נִישְׁט דָאס כַּשֶׁרְ'ן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיכֶער מַאכְן פַאר מֶען כַּשֶׁר'ט צוּ רֵיינִיגְן אוּן אַרָאפּ נֶעמֶען אַלֶע שְׁמוּץ.

* נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז מֶען קֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן אַ כֶּלִי, אַ טִישׁ, אָדֶער דִי קַאוּנְטֶער וְכוּ' נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער כְאטְשִׁיג פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אָן נוּצְן דִי כֶּלִי, טִישׁ, אָדֶער קַאוּנְטֶער וְכוּ' הֵייסֶערְהֵייט. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט כַּשֶׁרְ'ן דַיינֶע קַאוּנְטֶערְס דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אַ טָאג פַאר דֶעם אוֹיפְהֶערְן צוּ נוּצְן דִי קַאוּנְטֶער פַאר הֵייסֶע זַאכְן.

* מֶען קֶען כַּשֶׁרְ'ן מִיט אַ חָמֵץ'דִיגֶע כֶּלִי; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס דַארְף זַיין רֵיין אוּן נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּצְט פַאר פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה.

* וֶוען מֶען כַּשֶׁר'ט דַארְף מֶען ווַארְטְן בִּיז דִי ווַאסֶער קָאכְט אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אַרוֹיפְקוּמֶען בָּאבְּלֶעךְ, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט קֶען מֶען כַּשֶׁרְ'ן.

קַאוּנְטֶערְס - דָאס דַארְף מֶען גוּט אוֹיסְרַייבְּן, זוֹיבֶּער מַאכְן אוּן אוֹיךְ כַּשֶׁרְ'ן מִיט הֵייסֶע ווַאסֶער; דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז הֱיוֹת מִיר דֶעקְן סַיי ווִי אִיבֶּער אַלֶע קַאוּנְטֶערְס, מֶען נוּצְט דָאךְ נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַאוּנְטֶער אָדֶער טִישׁ אוּן דָאס גְלַייכְן נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט, דֶערִיבֶּער אִיז גֶענוּג מֶען זָאל כַּשֶׁרְ'ן מִיט אַ הֵייסֶע טָאפּ אֲפִילוּ אָן אַ שְׁטֵיין. מֶען זָאל גִיסְן דְרֵיי מָאל מִיט אַן 'עִירוּי כֶּלִי רִאשׁוֹן', דָאס הֵייסְט מֶען נֶעמְט דֶעם טָאפּ אוּן מֶען גִיסְט פוּן דֶעם אַלֵיינְס אוֹיפְן קַאוּנְטֶער, אוּן שְׁפֶּעטֶער דֶעקְט מֶען גוּט צוּ דֶעם קַאוּנְטֶער מִיט בְּלֶעכְן אָדֶער פְּלֶעסְטִיק.

גֶע"ז רֶענְטְ"ש - דִי 'רִינְגֶען' (גְרֶעיטְ"ס) אוֹיף וָואס דִי טָאפּ לִיגְט קֶען מֶען נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן מִיט הֵייס ווַאסֶער, דָאס מוּז מֶען גְלִיעֶן מִיט פֵייעֶר - 'לִבּוּן חָמוּר' - בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי רוֹיט אַז אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַן הַאק דֶערוֹיף גֵייט אַרוֹיס פִינְקֶען פֵייעֶר, דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי צוּ קוֹיפְן בַּאזוּנְדֶערֶע פֶּסַח'דִיגֶע רִינְגֶען ווַייל עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ דָאס צוּ פֶּסַח'דִיג מַאכְן. אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין פֶּסַח'דִיגֶע דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ פוּן "הַגְעָלַת כֵּלִים" מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר אוּן זֵיי זָאלְן דָאס גוּט מַאכְן.

* אוֹיבּ הָאט מֶען הֶעכֶער דִי גֶע"ז רֶענְטְ"ש אַ הוּ"ד פַאר דִי רוֹיךְ אוּן פַארֶע דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעקְן מִיט זִילְבֶּער פֶּעפֶּער.

בִּכְלָל אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע כֵּלִים פַאר פֶּסַח, בִּפְרָט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי טַייעֶר אוּן

שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע כֵּלִים, פְלֶעגְט מוֹהַרָא"ש זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט כַּשֶׁרְ'ן קַיין חָמֵצְ'דִיגֶע כֵּלִים נָאר קוֹיפְן בַּאזוּנְדֶערֶע כֵּלִים פַאר פֶּסַח.

בֶּעכֶערְס - אִיז כְּדַאי צוּ הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בֶּעכֶער פַאר פֶּסַח; עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ הָאבְּן אַ גְלָאז וָואס אִיז פֶּסַח'דִיג ווִי צוּ נֶעמֶען דֶעם זִילְבֶּערְנֶעם בֶּעכֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

סִינְק - מֶען דַארְף אַריינְלֵייגְן אִינֶעם סִינְק אַ פֶּסַח'דִיגֶע סִינְק, אוּן דִי קְרַאן (פָאוּסֶע"ט) זָאל מֶען אָנְגִיסְן מִיט הֵייסֶע וַואסֶער דְרֵיי מָאל. אוֹיךְ זָאל מֶען בִּשְׁעַת מֶען גִיסְט אַרוֹיף דִי הֵייסֶע וַואסֶער לָאזְן רִינֶען דִי קְרַאן מִיט הֵייסֶע וַואסֶער, דִי הֵייסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָיךְ; אוֹיבּ מֶען טוּט אַזוֹי פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ כַּשֶׁרְ'ן מִיט אַ שְׁטֵיין.

טִישׁ - נָאכְן כַּשֶׁרְ'ן מִיט הֵייסֶע וַואסֶער דַארְף מֶען דָאס גוּט אִיבֶּער דֶעקְן מִיט הַארְטֶע פְלֶעסְטִיק, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ אוּן אוֹיךְ דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס מַאכְט אוּנְז חָמֵצְ'דִיג מִיט עֲבֵירוֹת, מַחְלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ'.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

## אַ שָׁאד זִיךְ צוּ זָארְגְן אַזוֹיפִיל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר עֶרְשְׁטֶע בְּרִיוו אוּן אוֹיךְ אֵייעֶר צְוֵויטֶע בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז סְתַּם לַחַץ וְכוּ'; אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיינְס אַז ווִיפִיל אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ נִישְׁטֶערְן אוּן זוּכְן זָאגְן אַלֶע דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז דֶער חָתָן אִיז אַ גֶעשְׁמַאקֶער אוּן אַ גוּטֶער, אוּן דָאס וָואס עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ שֶׁעמֶעוְודִיג אוּן צוּרִיק גֶעצוֹיגְן דָאס אִיז בַּיי אַסַאךְ חֲתָנִים; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד פַאר אֵייעֶרֶע שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט אוּן פַאר אֵייעֶרֶע פְּחָדִים.

דָאס אִיז אַלֶעס מַעֲשֵׂה שָׂטָן צוּ שְׁטֶערְן אֵייעֶרֶע שֶׁענְסְטֶע צַייט אִין לֶעבְן; אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט, גֶעאַקֶערְט אוּן גֶעזֵייט אַזוֹיפִיל יָארְן, יֶעצְט עֶנְדְלִיךְ וֶוען אִיר שְׁנַיידְט שׁוֹין דִי פֵּירוֹת נָאכְדֶעם וָואס אֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת דַארְפְט אִיר יֶעצְט נָאר טַאנְצְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה וֵויינְט אִיר אַ גַאנְצְן טָאג.
~~~~~~~~~~~

אִיר פְרֶעגְט אִין אֵייעֶר צְוֵוייטֶע בְּרִיוו: "חוּץ פוּן וַוייטֶער דַאוֶוענֶען וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן, לִיגְט אוֹיף מִיר אַ חוֹב עֶפֶּעס צוּ טוּן? אָדֶער זָאל אִיךְ לָאזְן דִי זַאךְ לוֹיפְן?" וְויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיר הָאט נָאךְ אֵיין זַאךְ צוּ טוּן; חוּץ פוּן דַאוֶוענֶען לִיגְט אוֹיף אַייךְ אַ פְלִיכְט צוּ טוּן נָאךְ אַ זָאךְ וָואס דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, אִיר דַארְפְט אָנְהֵייבְּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ אַז אֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן; אַוַדַאי זָאלְט אִיר מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ בֶּעטְן פַאר דִי כַּלָּה, אָבֶּער נִישְׁט מִיט דִי וֶועג וָואס אִיר בֶּעט בִּיז יֶעצְט - מִיט עַצְבוּת, פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳ נָאר מִתּוֹךְ שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קעה): "עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה, שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה", וֶוען מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען וֵויינֶען מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס וָוארְט "בְּכִיָּ"ה" אִיז "בְּ׳שִׁמְךָ יְ׳גִילוּן כָּ׳ל הַ׳יּוֹם (תְּהִלִּים פט, יז)", מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז מִיר זֶענֶען אִין זַיינֶע הֶענְט אוּן עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם וֵויינֶען פוּן פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ תְּפִילָּה וָואס אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דִי חֲתוּנָה פוּן אֵייעֶר טָאכְטֶער אוּן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַייעֶרֶע מַאן מִיט זִיסֶע אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דִיר טַאטֶע אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַז מַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת; מָה אָשִׁיב לַה׳ - וָואס קֶען אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ טוּן: כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה׳ אֶקְרָא, אִיךְ וֶועל פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער דִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; אִיךְ וֶועל אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר כְּסֵדֶר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת. הֶעלְף מַיין טָאכְטֶער ... דִי כַּלָּה, זִי זָאל גֵיין צוּ דִי חוּפָּה גְרִינְג אוּן פְרֵיילִיךְ; זִי זָאל אוֹיפְשְׁטֶעלְן צוּזַאמֶען מִיט אִיר מַאן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת בִּזְכוּת אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְֿן אִיר זָאלְט זִיךְ פְֿרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה אוּן מִיט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ.

...

~~~~~~~~~~~

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מְ׳עֶסְט פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְֿרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי שִׁיעוּרִים יֶעדֶע לֵיל שִׁישִׁי אוּן אַז דִי שִׁיעוּרִים פְֿרִישְׁן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אִים בְּשִׂיחוֹת חֲבֵרִים; אַ גוּטֶע חַבֵר אִיז מֶער פוּן אַלֶעס, מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אַסַאךְ מֶער וֶוען מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר״, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק, ״שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ - הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ״ל״, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ חָבֶר וָואס זָאל אִים מְחַזֵק זַיין אוּן זָאגְן: ״בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ״; וַוייל אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: ״בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ״, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ״וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְקוּת מִשּׁוּם אָדָם״, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיינְס. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק דַארְף אוֹיךְ הִתְחַזְקוּת.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן פֶּסַח׳דִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן; דוּ וֵויסְט דָאךְ וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן דִי אַלֶע ״כָּשֵׁר לְפֶּסַח״ זַאכְן וָואס מֶען מַאכְט נָאךְ פוּן חָמֵץ. נִישְׁט קַיין פִּיצַא, נִישְׁט קַיין קֶעיק, נִישְׁט קַיין זוּפּ מַאנְדְלֶעךְ אוּן דָאס גְלַייכְן; מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט: ״אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי רַבָּנִים וָואס גֶעבְּן אַן הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן! וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט נָאר וָואס מֶען מַאכְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אָדֶער פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן״.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דָאס וָואס מֶען זָאגְט ״פֶּסַח הוּנְגֶערְט מֶען״ – אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל פֶּסַח אִיז דָא מֶער עֶסְן ווִי אַ גַאנְץ יָאר; מֶען קֶען עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת
~~~~~~~~~~~

וָואס יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה וָואס מֶען עֶסְט פֶּסַח אִיז אַ מִצְוָה, עֶס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוּן עֶס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן עֶרֶב פֶּסַח צוּ מַאכְן דִי פָּאר דָאלֶלְער; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרַאגֶע, פַאר דְרֵיי הוּנְדֶערְט דָאלֶלְער זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְץ עֶרֶב יוֹם טוֹב אוּן אַרַיין פַאלְן אִין בֶּעט שְׁלָאפְן אַ גַאנְצֶע סֵדֶר? ! עֶנְדֶערְשׁ גֵיי פוּן הַיינְט בִּיז יוֹם טוֹב יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל 'הַפָּצָה', וֶועסְטוּ מַאכְן נִישְׁט נָאר דֶעם סְכוּם נָאר דָאפְּלְט אוּן דְרֵיי מָאל דִי סְכוּם, אוּן עֶרֶב יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ זִיךְ גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב.

כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

~~~~~~~~~~~

**בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

שֶׁער זִיךְ נִישְׁט אָפּ בַּיי דֶעם בַּארְבֶּער ... פוּן מָאנְסִי וְכוּ'; עֶר אִיז אַ שָׁנָה וּפָרוּשׁ'נִיק אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן הוּנְדֶערְטֶער בָּחוּרִים זֵייעֶר בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת מִיט לֵיצָנוּת אוּן גֶעלֶעכְטֶער - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן בַּיים מְשַׁמֵּשׁ, דֶער מִקְוֶה אִיד פוּן ... בֵּית מֶדְרָשׁ וֶועלְכֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר וֶועט דִיר אִיבֶּער לָאזְן דַיין פֵּיאוֹת; עֶר שֶׁערְט טוֹיזְנְטֶער אִידְן, עֶר וֶועט דִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר לוֹיט דִי הַלָכָה.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדַּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וִויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת,
~~~~~~~~~~~

"כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער בְּלִימוּד מִשְׁנַיוֹת; בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען נֶעכְטְן בֵּיי דִי לְוָיָה פוּן אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער חָבֵר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן דוּ הָאסְט גֶעזֶען וָואס דֶער סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אָרוֹן אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד. קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט וָואס דָארְט טוּט זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם נִפְטָר; מֶען דֶעקְט צוּ דֶעם גְרוּבּ אוּן אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים, מֶען גֵייט מְנַחֵם זַיין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט בֵּיי וָואס טוּט זִיךְ דָארְט אוּנְטְן אִין דֶער עֶרְד. עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין גְרוֹיסֶע מַייזְן, פֶּעלְד מַייזְן מִיט נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע חַיֶ'לֶעךְ אוּן עֶסְן אוֹיף דֶעם נִפְטָר; דֶער מֵת קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר הֶערְט, זֶעט אוּן שְׁפִּירְט יֶעדֶע בַּייס וָואס מֶען בַּייסְט פוּן אִים.

דִי יִסּוּרִים פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק: קָשָׁה רִמָּה לַמֵּת כְּמַחַט בִּבְשַׂר הַחַי", עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן וֵוייטָאגְלִיךְ אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם פַאר אַ נִפְטָר אַזוֹי וִוי עֶס טוּט וֵויי אַ שְׁטָאךְ פוּן אַ נָאדְל פַאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשׁ, נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע טִרְדוֹת, פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', מִמֵּילָא קֶען זַיין אַז מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם אָדֶער פוּן אַ פְלִיג אוּן מֶען זָאל נִיטְאַמָאל שְׁפִּירְן בְּשַׁעַת מֶען כַאפְּט דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אָבֶּער אִין קֶבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִירְדוֹת אוּן מַחְשָׁבוֹת וָואס זָאל אַוֶועק נֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע רִיר וָואס דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס צַעַר אִין קֶבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערִים אוּן דִי צַעַר פוּן הֶערְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט נִיצוֹל פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר. צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן דִי וֶוערִים נִישְׁט צוּקוּמֶען; דִי מַייז קוּמֶען נִישְׁט צוּ אַ גוּף וָואס הָאט אִין זִיךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זָאלְסְטוּ יֶעצְט זִיךְ צוּפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר גוּט זַיין דָא, אִין קֶבֶר אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

נַאכְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי נִישְׁט צוּ דֶעם בַּארְבֶּער ...; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז, אוֹת נב; וְעוֹד): "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל אִיז עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס שְׁמַד'ט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ", דֶער בַּארְבֶּער זֶעט אוֹיס וִוי אַ חָסִיד, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן וִוי אַ חָסִיד, עֶר רֶעדְט אִידִישׁ אוּן עֶר לַאכְט אַרוּם וְכוּ' אָבֶּער עֶר אִיז

פַארְפוּלְט פוּן אִינֶעוֵוייניג; עֶר מַאכְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וִוי כְּאִילוּ עֶר מַאכְט טָעוּתִים, עֶר שְׁנַיידְט אַריין בְּכַוָנָה אִין פֵּיאוֹת פוּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בָּחוּרִים אָוֶן יוּנְגֶעלַייט, נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת".

פֵּיאוֹת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַ בָּארְד אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ; אַ בָּארְד אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט:) אַז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ קְרַאנְקֶע מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ אִיז אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בָּארְד.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר.

...

~~~~~~~~~~

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פִילֶע חֲסָדִים אוּן נַחַת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע גָארְטְן אִיר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט; וָואס קֶען זַיין אַ גְרֶעסֶערֶע וואוּנְטְשׁ פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וִוי צוּ זֶען אַלֶע קִינְדֶער יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים אוּן פִירְן זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיף אֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר, אַ טֵייעֶרֶער יוּנְגֶערְמַאן אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה. אוֹיךְ הַאלְט עֶר דְרָשׁוֹת אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', עֶר לֶערְנְט פָאר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת – בְּרִיוְון פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", הוּנְדֶערְטֶער אִידְן הֶערְן אִים אוֹיס טֶעגְלִיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט עֶר בַּיי אוּנְז אִין כּוֹלֵל יֶעדֶע פַארְנַאכְטְס הֲלָכָה.

נָאכְדֶעם אֵייעֶר צְוֵוייטֶע זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זִיצְט אִין כּוֹלֵל אִינְדֶערְפְרִי אוּן פַארְנַאכְטְס, אוֹיךְ הֶעלְפְט עֶר אִין חֵדֶר; עֶר לֵייגְט אַריין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, בִּשְׁעַת זֵיי עֶסְן דֶערְצֵיילְט עֶר זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת. אוֹיךְ הַאלְט עֶר דְרָשׁוֹת פַאר הוּנְדֶערְטֶער אִידְן אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', עֶר לֶערְנְט פָאר בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן סֵפֶר "אִישׁ אֱמוּנוֹת"; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם, מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג רוּפְן אַריין דֶעם טֶעלֶעפָאוּן לַיין 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' אוּן הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ אֵייעֶר אֵיידֶעם ... נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל אִינְדֶערְפְרִי אוּן פַארְנַאכְטְס מִיט אַזַא הַתְמָדָה אוּן מִיט אַזַא פְלַייסִיגְקֵייט. יֶעצְט הָאט אֵייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ' אָנְגֶעהוֹיבְּן
~~~~~~~~~~

פָארלֶערְנֶען בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר פְרוֹיעֶן און מֵיידְלֶעךְ אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן טֶעלֶעפָאון לַיין.

דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שֵׁיינֶע גָארְטְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה.

יֶעצְט גֵייעֶן מִיר פְּרַאוֶועֶנֶען דֶעם 'לֵיל הַסֵּדֶר', זָאלְט אִיר זָאגְן נִשְׁמַת מִיט לוֹיבּ און דַאנְק פַאר אַלֶע חֲסָדִים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טון מִיט אַייךְ נָאךְ חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

מְ'דַארְף וואוֹינֶען צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז זַייט דַיין חָבֵר ... הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פוּן ... קַיין וְכוּ', הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעלָאזְט דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט; וְויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס זַיינֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן מִיר, וָואס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ רַחְמָנָא לִצְלָן – וֶועסְטוּ מִיר נִישְׁט גְלֵייבְּן; נִישְׁט דָא קַיין שַׁבָּת, נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אַלֶץ נֶעבֶּעךְ פַאר דִי גֶעלְט.

כָּל זְמַן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין ... הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטִיקְל אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יָדוּר אָדָם בִּמְקוֹם רַבּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל וואוֹינֶען אִין דִי פְּלַאץ וואוּ זַיין רֶבִּי וואוֹינְט וֶועט אִים דֶער רֶבִּי קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל זַיין אִידִישׁ; אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן אִיז גָארְנִישְׁט דָא, וד"ל.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ קוּקְן זַיינֶע סְטְרַאשֶׁענִיקֶעס און עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס עֶר סְטְרַאשֶׁעט; אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר פוּן סְטְרַאשֶׁעֶנֶען וְכוּ'. אֵיין זָאךְ קֶענסְטוּ אִים אִיבֶּער גֶעבְּן בִּשְׁמִי, אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן; אוֹיבּ בִּיסְטוּ אִים גֶעטְרַיי זָאלְסְטוּ אִים דָאס מוֹדִיעַ זַיין וָואס פְרִיעֶר. מִיט מִיר קֶען עֶר טוּן וָואס עֶר ווִיל ווַייל אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, אִיךְ לִיג אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר הָאט מֶען שׁוֹין
~~~~~~~~~~

גֶעסְטְרַאשֶׁעט מִיט דָאס עֶרְגְסְטֶע און אוֹיף מִיר אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דִי זִיבְּן וָואסֶערְן – נִישְׁט אֵיין מָאל נָאר כַּמָּה פְּעָמִים און בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט; אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט טְשֶׁעפֶּען מִיט מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, בִּפְרָט מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ׳ – אוּנְזֶער גֶעטְרֵייעֶ מְנַהֶלֶת, וֶועט אִים זַיין גָאר בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**נָאר דִי חֶסֶד וָואס מְ׳טוּט מִיט אַ צְוֵוייטְן, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ זֶע וִוי דוּ טֵיילְסְט אוֹיס דִי פֶּעקְלֶעךְ פַּאר אַלֶע חֲבֵרִים פוּן דִי קְהִלָּה וָואס דַארְפְן הָאבְּן הִילְף אוֹיף פֶּסַח, דוּ טוּסְט דָאס מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט; וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין און שְׁטַארְקְן. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד. דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט און רַאטֶעוֶוען דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רב): "'צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת' רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'מַצַּת', צְדָקָה רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט: "סְגֻלָּה לְחָלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים: רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'נְפֶ"ל'; דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחְנִיוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל (עֶפִּילֶעפְּסִי) זָאגְט דֶער רֶבִּי עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, און דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרוּחְנִיוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט אַז עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, און וִויפִיל עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ און עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, פַאלְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע רְגִילוּתְ׳ן וְכוּ׳, זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה׳ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט וַוייטֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי כּוֹלֵל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן מִיר הֶעלְפְן צוּזַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט אִין צַייט.

בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער זְמַן אִין כּוֹלֵל אוּן מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן אַלֶע יוּנְגֶעלַייט אִין צַייט.

דוּ אַלֵיינְס הָאסְט דְרֵיי פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וָואס זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה; אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרוּיף גֵיין אִינְמִיטְן טָאג כַאפְּן אַ בְּלִיק וָואס מֵיינְט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, וֶועסְטוּ הָאבְּן מֶער חֵשֶׁק מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין וַוייטֶער צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט מִיר וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**אוּנְזֶער חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן חֲבֵרֵינוּ הַב' שִׁמְעוֹן עֶנְדְצְוֵוייג עָלָיו הַשָּׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בָּרוּךְ דַיַּין הָאֱמֶת.

נֶעכְטְן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, אוּנְזֶער זִיסֶער לִיכְטִיגֶער חָבֵר הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן עֶנְדְצְוֵוייג עָלָיו הַשָּׁלוֹם. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ פַאר מִיר אוּן פַאר אוּנְז אַלֶעמֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קו.): "אֶחָד מִבְּנֵי חֲבוּרָה שֶׁמֵּת", וֶוען אַ חָבֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, "תִּדְאַג כָּל הַחֲבוּרָה כֻּלָּהּ", זָאלְן אַלֶע חֲבֵרִים זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; מֶען זָאל אַרַיין טְרַאכְטְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי

וֶועלְט, אַלֶע וֶועלְן מִיר דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר דִי תּוֹרָה, מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט - דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

דִי הַלָכָה אִיז אַז אוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מֶען נִישְׁט מַסְפִּיד, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם בָּחוּר בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיךְ זָאל קוּמֶען זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן עֶר זָאל מִיר פַּסְקֶ'ענֶען, הָאט מִיר מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז אִיךְ זָאל זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער. הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין", וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף אִים יְסוּרִים; דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער חָבֵר שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם. כָּל יָמָיו הָאט עֶר זִיךְ גֶעפַּיינִיגְט מִיט יְסוּרִים, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן אוּן אִיז גֶעזֶעצְן גֶעלֶעמְט, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אֵיין מַאן דְּאָמַר זָאגְט: "אֵלּוּ הֵם יִסּוּרִין שֶׁל אַהֲבָה? כָּל שֶׁאֵין בָּהֶן בִּטּוּל תּוֹרָה", וָואס אִיז יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה? אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט יְסוּרִים אוּן עֶר לֶערְנְט וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְחַד אָמַר, אֵלּוּ הֵם יִסּוּרִין שֶׁל אַהֲבָה? כָּל שֶׁאֵין בָּהֶן בִּיטּוּל תְּפִלָּה", אוּן אַ צְוֵוייטֶער מַאן דְּאָמַר זָאגְט אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְבַטֵּל קַיין תְּפִילָה.

דָאס הָאבְּן מִיר גֶעזֶען שְׁטֶענְדִיג בַּיי אוּנְזֶער בַּאלִיבְּטֶער שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם. עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן כִּמְעַט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה - אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וָואס עֶר הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען אַכְצִיג מָאל בְּלִי גֻּזְמָא, עֶר הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל שַׁ"ס - תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּן אוֹיךְ יְרוּשַׁלְמִי; מַסֶכְתָּא תַּעֲנִית הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער גֶעלֶערְנְט אָן אוֹיפְהֶער, עֶר הָאט דָאס מְסַיֵּם גֶעוֶוען קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט מָאל; עֶר הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען תּוֹסֶפְתָּא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מֶדְרָשׁ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן נָאךְ אַסַאךְ, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה וָואס דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶעמֶען.

אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר דַאוֶוענֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ; עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען יֶעדֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי בִּרְכַּת רְפָאֵנוּ וואו עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ דֶערְבֵּיי מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַסַאךְ מָאל פְלֶעגְט עֶר זִיצְן מִיט דִי תְּפִילִין בִּיז אִינְמִיטְן טָאג אַרַיין וֵויינֶען בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן רְפָאֵנוּ.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט נֶעכְטְן בַּיי דִי הֶסְפֵּד וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב:) אַז וֶוען דֶער הוּנְקֶעדִיגֶער פַּרְעֹה הָאט גֶעשָׁאסְן דֶעם אִידִישְׁן קֶענִיג יָאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-ב לה, כג): "וַיֹּרוּ הַיֹּרִים לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ, וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ

לַעֲבָדָיו הַעֲבִירוּנִי כִּי הָחֳלֵיתִי מְאֹד", מֶען הָאט אִים גֶעשָׂאסְן אַזוֹיפִיל מָאל בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט וִוי אַ זִיפּ; בִּשְׁעַת עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעמֵיינְט: "שְׁמָּא חַס וְשָׁלוֹם מִילְתָא דְּלָא מְהַגְנָא אָמַר אַגַּב צַעֲרֵיהּ", אֶפְשָׁר פוּן גְרוֹיס צַעַר רֶעדְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, "גָּחִין", הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ הֶערְן וָואס עֶר רֶעדְט, "וְשָׁמְעֵיהּ דְּקָא מַצְדִּיק עֲלֵיהּ דִּינָא אַנַּפְשֵׁיהּ", הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי עֶר נֶעמְט אָן זַיינֶע יְסוּרִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן זָאגְט דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה א, יח): "צַדִּיק הוּא ה', כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט מִיט אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעפָאלְגְט. "פָּתַח עֲלֵיהּ הַהִיא שַׁעְתָּא", הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ד, כ): "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה' נִלְכַּד בִּשְׁחִיתוֹתָם", דֶער מָשִׁיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעגֶעבְּן פַאר יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ דֶעם טִיטְל פוּן 'מְשִׁיחַ ה''? נָאר וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט מִיט יְסוּרִים, עֶר אִיז גֶעלֶעכֶערְט וִוי אַ זִיפּ רַחְמָנָא לִצְלָן, פוּל מִיט יְסוּרִים אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז מָשִׁיחַ אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אִין אוּנְז אַרַיין בְּרֶענְגֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער טַייעֶרֶער זִיסֶער שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם; אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעלֶעגְן גֶעלֶעכֶערְט וִוי אַ זִיפּ, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן קַיין אֵיין אֵבֶר, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן נָאר שְׁטֶענְדִיג מַצְדִּיק גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ דֶעם דִין; עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "בָּרוּךְ ה'"! וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הֶערְט זִיךְ?" הָאט עֶר אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ ה'".

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר, יֶעצְט וֶוען אוּנְזֶער טַייעֶרֶער, זִיסֶער, לִיכְטִיגֶער חָבֵר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (שַׁבָּת קו.) אִיז אַ צַייט פוּן: "תִּדְאַג כָּל הַחֲבוּרָה כֻּלָּהּ", זָאלְן אַלֶע חֲבֵרִים זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן קוּקְן וָואס מִיר וֶועלְן מִיט נֶעמֶען; גֶעבּ אַ קוּק וָואס שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, אַ גַאנְצֶע סְפָרִים שַׁאנְק. אִים אִיז יֶעצְט גוּט אוּן פֵיין, עֶר הָאט וָואס צוּ עֶסְן יֶעצְט וַוייל עֶר אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִשְׁנָיוֹת. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נַארְן אוּן עֶר גֵייט גְלַייךְ אַרַיין אִין 'גַן עֵדֶן', אַזוֹי וִוי דֶער חִידָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם סֵפֶר מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת: "אֲשֶׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווילְן אִים אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִינּוֹם, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע צַדִּיקִים, עֶר שְׁרֵייט: "אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", "יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", "יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", אוּן קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים

נִישְׁט, נָאכְדֶעם שְׁרַייט עֶר: "רְאוּבֵן", "שִׁמְעוֹן", "לֵוִי", בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב; אָשֵׁר פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוּיב עֶנְטְפֶערְט עֶר 'יָא', נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן. טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער חִידָ"א דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'מִשְׁנָה', אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, ""וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַּן עֵדֶן; שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם גֵייט גְלַייךְ אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן, דָאס דַארְף אוּנְז גֶעבְּן אַ קִיצֶל, דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן אוּנְזֶער שְׁלָאף מִיר זָאלְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַאר דֶעם טָאג.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר טָרוּד יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר יוֹם טוֹב דֶערְפַאר דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן אַן אַנְדֶערֶע מָאל.

...

~~~~~~~~~~

**מְחַזֵּק זַיין אוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג; וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אוּנְזֶער חַבֵר שִׁמְעוֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרַשְׁתְּ טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; דִי פְּרוּוֶוען אַרְבֶּעטְן יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב אַזוֹי שְׁוֶוער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּתַכְלִית הַכַּשְׁרוּת, קוֹים קוֹים וָואס אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע קֶען זִיךְ בַּאפָּארֶען מִיט אִירֶע קִינְדֶער סְתַּם אַ טָאג, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג דַארְפְן זֵיי אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן עִידוּד זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּזַאמְפַאלְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַרוֹיס דַיין וַוייבּ. לֵייג דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף דַיין לִיסְטֶע וָואס דוּ דַארְפְסְט טוּן: "דַיין וַוייבּ"; אַנְשְׁטָאט זִיצְן מִיט חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, זֵיי וֶועלְן זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע וָואס וֶועלְן דִיר בַּאגְרָאבְּן, גֵיי עֶנְדֶערְשׁ אַהֵיים אוּן הֶעלְף דַיין וַוייבּ.

בַּארֶעכְן זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף הָאט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דַיין וַוייבּ אַ מַתָּנָה פַאר דִיר; זִי אִיז דַיין וַוייבּ, זִי זָארְגְט פַאר דִיר, זִי וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר אוּן זִי וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוֹיפְצוּעֶן דַיינֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה, לְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר אוּן אִיר הֶעלְפְן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי עֶלְטֶערְן פוּן אוּנְזֶער זִיסֶער חַבֵר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרַ"שׁ פְּלֶעגְט
~~~~~~~~~~

אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען גֵייט מְנַחֵם אָבֵל זַיין הֶערְט מֶען ווִי מֶען רֶעדְט שְׁבָחִים אוֹיפְן נִפְטָר, זַאכְן וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט אִין שׁוּל וְכוּ'; מֶען רִימְט אִים אוֹיס אוֹיף זַאכְן וָואס בְּחַיִים חַיּוּתוֹ לַאכְט מֶען דֶערְפוּן. מֶען הֶערְט לְמָשָׁל ווִי מֶען זָאגְט: 'דַיין טַאטֶע פְלֶעגְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת'; 'דַיין טַאטֶע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניִג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, עֶר פְלֶעגְט מַקְפִּיד זַיין צוּ קִישְׁן דִי מְזוּזָה וְכוּ' וְכוּ''; מֶען אִיז זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן נִפְטָר"; דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט נֶעכְטְן פוּנֶעם טַאטֶע'ן פוּן אוּנְזֶער חַבֵר שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט יֶעדֶע נַאכְט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען יֶעדֶע נַאכְט; עֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט פַאר'ן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע. אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג מַקְפִּיד זַיין אוֹיף מִקְוֶה; אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז דָאךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן לְכַּרְעֵי הַמִּטָּה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דָאךְ הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף ט' קַבִּין וָואס אִיז פַאר אַ חוֹלֶה ווִי מִקְוֶה. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דִי וָואס פְלֶעגְן אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַז מֶען זָאל אִים לֵייגְן אִין שׁוּיעֶר פַאר אַפָּאר מִינוּט עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מְטַהֵר זַיין.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר יֶעדְן טָאג מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים; אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל לֵייגְן תְּפִילִין. אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "שִׁמְעִי, דוּ בִּיסְט פָּטוּר לוֹיט אַלֶע שִׁיטוֹת פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין", דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל אָנְטוּן תְּפִילִין; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין חַיּוּת.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., וֶועק זִיךְ אוֹיף פוּן דַיין טִיפֶע שְׁלָאף אוּן זֶע זִיךְ אוֹיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן גוּטֶע זַאכְן; כַאפּ אַרַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת וֶוען דוּ קֶענְסְט, אַנְשְׁטָאט קוּקְן אִין טֶעלֶעפָאוּן, אַנְשְׁטָאט קוּקְן סְטֶערֶע"ס - זַאכְן וָואס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעבְן אִין לֶעבְן, נֶעם עֶנְדֶערְשׁ אַ מִשְׁנָיוֹת; הַאלְט מִיט דִיר אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַ מִינוּט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ מִשְׁנָה.

גֶעדֶענְק וָואס דִי הַיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קו.): "אֶחָד מִבְּנֵי חֲבוּרָה שֶׁמֵּת", וֶוען אַ חַבֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, "תִּדְאַג כָּל הַחֲבוּרָה כֻּלָּהּ", זָאלְן אַלֶע חֲבֵרִים זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; אַרַיין טְרַאכְטְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַלֶע וֶועלְן מִיר דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר דִי תּוֹרָה, מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט - דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

בַּיי דִי לְוָיָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ סָפֵק צִי אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי לְוָיָה אָדֶער גֵיין זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי אַ שִׂמְחָה; מַיין שְׁוֶועסְטֶער תְּחִיֶ' הָאט בַּר מִצְוָה גֶעמַאכְט מָאנְטָאג נַאכְט

אִין לֶעִיקְוָואד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן און אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר אַרַיין שַׁיינֶען וָואס צוּ טוּן, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ - דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם - זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, ב): "טוֹב לָלֶכֶת אֶל בֵּית אֵבֶל מִלֶּכֶת אֶל בֵּית מִשְׁתֶּה", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ גֵיין צוּ אַ לְוָיָה וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט און טְרִינְקְט, "בַּאֲשֶׁר הוּא סוֹף כָּל הָאָדָם", וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, "וְהַחַי יִתֵּן אֶל לִבּוֹ", אַזוֹי וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַ דוּרְכְגַאנְג אָנְצוּקוּמֶען צוּ יֶענֶע וֶועלְט; וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט אִים רוּפְן אַרוּיף צוּ קוּמֶען, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז מִיר אַלֶע וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן צוּרִיק קֶערְן אֵיין טָאג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "כִּי עָפָר אַתָּה וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב", פוּן עֶרְד וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ בַּאשַׁאפְן און דֶער סוֹף אִיז אַז מֶען וֶועט מוּזְן צוּרִיק גֵיין צוּ דִי עֶרְד; אִיז אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט אוּנְזֶער זֵיסֶער שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן דַארְפְן מִיר אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן און טְרַאכְטְן נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט אוּנְזֶער צַייט וְכוּ'.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר מִיט אַזַא בֶּענְקֶענִישׁ, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען אָדֶער כָאטְשִׁיג זֶען אַ בְּרִיוו פוּן דִיר; אִיךְ וִויל הֶערְן צִי דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ, צִי דוּ גֵייסְט נָאךְ אָן. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען מוּז זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וַוייל אַלֵיינְס בְּלַאנְזְשֶׁעט מֶען; מֶען מוּז זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין רֶבִּי'ן און דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים, דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן זַיינֶע עֵצוֹת.

שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל שַׁ"ס; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי לַאנְג דְרֵייסְטוּ זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, הָאסְטוּ שׁוֹין מְסַיֵּם גֶעוֶוען אֵיין מָאל שַׁ"ס? אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶועסְט מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן חָכָם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה און דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, און וָואס דַארְף אִיךְ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע"; וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן: "הָאסְטוּ כָאטְשׁ אַ ווִילְן צוּ מְסַיֵּם זַיין שַׁ"ס? ווִילְסְטוּ כָאטְשׁ הָאבְן אַ ווִילְן?"

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען אַלֶע אִידְן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה? קוּם אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; קוּם מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, קוּם מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און קוּם מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן; נֶעם אַרַיין אִין דַיין קֶעפֶּעלֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אַלֵיין - הָאט גֶעמַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט אַ חָתָן וֶוערְן אוּן אַז דֶער שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן אוֹיס, אַז זִי זָאל אָפְּלָאזְן דִי שִׁידוּךְ. עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מִיט אִיר - נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר פִּירְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס. וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן 'וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג?' וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן.

אִיךְ וֵויין פַאר דִיר; עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי צוּ זֶען וִוי דוּ בִּיסְט בְּעַצְבוּת זַייט דִי שִׁידוּךְ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן נָאךְ מֶער בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען זָאלְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן.

גֶעב אַ קוּק, מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן דִי וָואךְ אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער זִיסֶער חָבֵר שִׁמְעִי עֶנְדְצְוֵייג עָלָיו הַשָּׁלוֹם; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל יְסוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן גֶעלֶעמְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן דִי הֶענְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דִי פוּס; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז זַיין שְׁמֵייכְל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זַיין פָּנִים. עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט, נָאר שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁמֵייכְלְט; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דוּ הָאסְט גֶעזוּנְטֶע הֶענְט אוּן גֶעזוּנְטֶע פוּס, עֶס פֶעלְט דִיר גָארְנִישְׁט נָאר אַבִּיסְל חִיזּוּק דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוַוארְטְן דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּם (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת פוּנֶעם סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זַצַ"ל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פה): **"הַבּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל עַל אָדָם כָּשֵׁר, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו"**, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן מֶען זֶעט וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: נָאר תּוֹרָה וּתְפִילָה, מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְקַיֵּים צוּ זַיין אַלֶע מִצְווֹת"**; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: **"הַבּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל עַל אָדָם כָּשֵׁר, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו"**, דֶער וָואס וֵויינְט וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט; עֶר וֵויינְט אוֹיף זִיךְ: **"וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֵייבְּן פוּן מַיין בְּלָאטֶע? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן?"** דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אוּנְז; אוֹיף דֶעם צַדִּיק אִיז נִישְׁט קֵיין רַחְמָנוּת וַוייל עֶר גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן עֶס קוּמֶען אִים אַנְקֶעגְן אַלֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַלֶע זַיינֶע יָארְן, עֶס קוּמֶען אִים אַנְקֶעגְן אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל: **"מַאכְטְס פְּלַאץ פַאר דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט כָּל יָמָיו גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה! מַאכְטְס פְּלַאץ פַאר דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער!"** דִי רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אוּנְז.

יֶעצְט וֶוען דֶער סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן, מֶער לֶערְנֶען אוּן מֶער דַאוֶוענֶען אָנְצוּפוּלְן דָאס וָואס פֶעלְט יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיים סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; פוּן אַלְץ קִינְד בִּיז מַיין חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ גֵיין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם טִישׁ, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ אַלֶע יָארְן אוּם חוֹל הַמּוֹעֵד בַּאגְלֵייטְן מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב

שְׁלִיטָ"א וֶוען עֶר פְּלֶעגְט גֵיין בַּאזוּכְן להבחל"ח דֶעם סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ פְּלֶעג מִיט הַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זֵיי אוּן דִי נִיגוּנִים וָואס זֵיי פְּלֶעגְן זִינְגֶען. אוֹיךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים סֶעדְרֶעהֶעלִי'עֶר רָב שְׁלִיטָ"א הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעפוּנֶען דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמְמֶער וָואכְן אִינֶעם תְּחוּם שַׁבָּת פוּנֶעם סְקוּלֶענֶער רֶבִּי, פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּתִים, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין דִי בָּאנְגֶעלָאו צוּזַאמֶען מִיטְן רֶבִּי'ן אוּן מִיט נָאךְ אַפָּאר בָּחוּרִים, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן גֶעהֶערְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִי מִידוֹת טוֹבוֹת פוּנֶעם צַדִיק; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקָר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אַלֶע אוּן אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

**דַאוֶונֶען אוֹיף דִי הֲבָרָה וָואס מְ'אִיז צוּגֶעוואוֹינְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר טְרַאכְט צוּ שִׁיקְן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֲסִידִי'שֶׁע מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי חֲסִידִי'שֶׁע הֲבָרָה אִיז זִיכֶער כְּדַאי אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן מִיט אֵייעֶר אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע הֲבָרָה וָואס אִיר רֶעדְט בִּיז יֶעצְט, כְּדֵי זָאל נִישְׁט צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי נוּסַח הַתְּפִילָה וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין דֶעם נוּסַח הַתְּפִלָה, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דַאוֶונֶען מִיט דִי נוּסַח וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן דַאוֶונֶען.
~~~~~~~~~~

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶע מַאן נֵרוֹ יָאִיר מִיט זִיסֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, אַז סֵיי אִיר אוּן סֵיי אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל דָאס הֵיילִיגְט אוּן הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

וֶוען מְ'פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר זֶענְט פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, אִיר גֵייט שׁוֹין צוּ צוּ דִי חֲתוּנָּה מִיט אַ שִׂמְחָה.

אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט, וֶוען אִיר הָאט גֶעזֶען אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען אֵייעֶר יְשׁוּעָה.

דָאס אִיז אֱמֶת וְיַצִּיב; אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בְּזֶה הָעוֹלָם - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ דֶעמָאלְט קוּמְט זַיין יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אוֹת ט): "זִכְרוּ הֵיטִיב וְתִתְיַשְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", גֶעדֶענְקְט גוּט אוּן נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין אֵייעֶר קָאפּ אַז אִיר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, "וְעַל כֵּן אַל תִּירְאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'נֶען קֵיינֶעם, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט דָאס וֶועט אַייךְ שַׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר
~~~~~~~~~~

וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשֶׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", ווייל וָוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן און דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן און עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט און זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער און מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי מַתָּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מַתָּנָה - דֶעם פְּרִיזֶער.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר דִי שֵׁיינֶע מַתָּנָה; אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין און אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת און הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, און שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע סִיּוּמִים און אִיךְ פְלֶעג זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָוען דוּ בִּיסְט מְסַיֵּם מִשְׁנָיוֹת און אַ מַסֶכְתָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

**מִיר הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי און עֶר גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן פוּן דִיר דִי שֵׁיינֶע הוֹדָעָה אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען 34 מָאל 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה' אוּן 25 מָאל 'סֵפֶר הַמִּידוֹת'; דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, וֶוען דִי הוֹדָעָה אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען הָאט דָאס מִיר מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זֶעעֶנְדִיג וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶּה מֵתִים; עֶר נֶעמְט טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מַאכְט זֵיי לֶעבְּן. מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען "טוֹיטֶע חֲסִידִים" וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי, בִּיז דֶערְוַוייל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מִיר זֶענֶען גָאר דִי לֶעבֶּעדִיגֶע. מִיר הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי אוּן עֶר מַאכְט אוּנְז לֶעבְּן; עֶר נֶעמְט צֶעשְׁלָאגֶענֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע וְכוּ' אוּן מַאכְט אוּנְז לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין זִיווּג אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**נָאךְ הַלָכוֹת פוּן פֶּסַח; פֶּסַח אִיז דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה; זֶען צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ; נִישְׁט קוֹיפְן פֶּסַח'דִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן וָואס זֶעט אוֹיס וִוי חָמֵץ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דוּ בְּלַייבְּסְט פֶּסַח בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶסְן אִין שְׁטוּב - דַארְפְסְטוּ פֶּסַח'דִיג מַאכְן דַיין גַאנְצֶע דִירָה אוּן אִיבֶּערְדֶעקְן אַלֶע חָמֵצְ'דִיגֶע כֵּלִים; דִי טִישְׁן, דִי קַאוּנְטֶערְס אוּן דִי שַׁאפֶעס, אַלֶעס דַארְף וֶוערְן צוּגֶעדֶעקְט מֶען זָאל דָאס נִישְׁט זֶען. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נוּצְן דַיין קָאךְ פֶּסַח, דוּ ווִילְסְט דָארְט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען הֵייסֶע זַאכְן - דַארְפְסְטוּ דָאס כַּשֶׁרְ'ן כַּהֲלָכָה.

מֶען נוּצְט נִישְׁט פֶּסַח קַיין חָמֵצְ'דִיגֶע גֶעשִׁיר; אֲפִילוּ הַאנְטוּכֶער אוּן טִישְׁטוּכֶער וְכוּ' אִיז כְּדַאי צוּ הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע לִכְבוֹד פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ דִי טֶעפְּל וָואס לִיגְט אִינֶעם סִינְק נוּצְט מֶען נִישְׁט פֶּסַח וַוייל עֶס וֶוערְט חָמֵצְ'דִיג (דִי נֶעגֶל וַואסֶער טֶעפְּל קֶען מֶען יָא נוּצְן פוּן אַ גַאנְץ יָאר וַוייל דָאס קוּמְט נִישְׁט אִין בַּארִירוּנְג מִיט חָמֵץ); פַּאר אַ יוּנְגֶערְמַאן וִוי דִיר וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּרִישְׁן צוּבִּיסְלִיךְ אוֹיף פֶּסַח, מֶען קוֹיפְט אַיין לוֹיט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ'.
~~~~~~~~~~~

מַאךְ פֶּסַח׳דִיג דַיין קַאר אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען נוּצְן דַיין קַאר חוֹל הַמוֹעֵד צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט און שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ, וָואס מֶען קֶען שׁוֹין טוּן יֶעצְט אִיז כְּדַאי שׁוֹין יֶעצְט צוּ טוּן.

צֵייכְן דִיר אָן דִי פָּאר שַׁאפֶעס וָואס דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן פַארְן גוֹי; דָארְט לֵייג אַרֵיין אַלֶע חָמֵץ׳דִיגֶע כֵּלִים און מַאךְ אַ סִימָן אַז דָאס פַארְקוֹיפְסְטוּ, און דָאס בִּיסְל חָמֵץ וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ אִין שְׁטוּבּ, סִירְיֶעל וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ אַרוֹיס וַוארְפְן און פַארְבְּרֶענֶען.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט וֶועגְן פֶּסַח"; אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן און אַרֵיין נֶעמֶען אִין זִיךְ: "דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה". פֶּסַח וַוייזְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט און עֶר פִירְט דִי וֶועלְט; עֶר אִיז אַלֶעס און אַלֶעס אִיז עֶר.

דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶר אָפְּגָאט דֶעם 'טָלֶה'; זֵיי גְלֵייבְּן אִין מַזָּלוֹת און אִין נַאטוּר, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן שֶׁחְטְ׳ן דֶעם 'טָלֶה' צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין קלב:) אַז רַב חִסְדָּא זָאגְט: "כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ בָּקִי בָּהֶן אֵין נוֹתְנִין לוֹ מַתָּנָה", מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָה פַאר אַ כֹּהֵן וָואס קֶען אַלֶע הֲלָכוֹת וִוי אַזוֹי מֶען עֶסְט דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָה וְכוּ׳, זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא אַז מֶען פַּסְקְ׳נְט נִישְׁט אַזוֹי, "דְּתַנְיָא, רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ מוֹדֶה בַּעֲבוֹדָה אֵין לוֹ חֵלֶק בַּכְּהוּנָה", רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אַז נָאר אַ כֹּהֵן וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דִי עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט נִישְׁט פוּן דִי מַתָּנוֹת; זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָּר אִיז גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן הָאט אוּנְז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַלֶע מַתָּנוֹת.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז (מִשְׁלֵי יא, יז): אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס הֶעלְפְט זַיין שְׁטוּבּ - "גֹּמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד", אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ טוּט גוּטְס מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, "וְעֹכֵר שְׁאֵרוֹ אַכְזָרִי", אָבֶּער אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אַכְזָר פַאר זַיינֶע קְרוֹבִים; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס שְׁטֶעלְן צוּ דֶעם פֶּסַח, זֵיי רֵיינִיגְן דֶעם שְׁטוּבּ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, קוֹים וָואס אַ פְרוֹי הָאט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אִיר טָאג טֶעגְלִיכְן וִוירְטְשַׁאפְט סְתָּם אַזוֹי, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶרֶב פֶּסַח אַרְבֶּעטְן זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער; בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר און הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, הֶעלְף אִיר, רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין וֶועט דִיר גוּט זַיין.

קוֹיף נִישְׁט אַיין אוֹיף פֶּסַח אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען מַאכְט נָאךְ פוּן חָמֵץ וְכוּ׳; פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען עֶסְט נָאר פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אִם יִרְצֶה ה' שְׁפֶּעטֶער וֶועגְן פֶּסַח, יֶעצְט דַארְף אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי דַארְפְן חִיזוּק מֶער פוּן אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

**הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עָבָר; הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת תָּהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער טֶעג וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן עֶס טוּט דִיר וֵויי אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' זָאלְסְטוּ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד 'זִיךְ בַּאנֵייעֶן', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה", אָבֶער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלֶה, "כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, "לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

הֶער אוֹיף זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן מִיט דַיין עָבָר; עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן דָאס וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט מִיט דַיין אַלְטֶע זַאק עֲבֵירוֹת. "הֶעָבָר אַיִן", וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, "וְהֶעָתִיד עֲדַיִן", אוּן וָואס גֵייט זַיין אִיז דָאךְ נָאךְ נִישְׁט דָא, "וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן", אוּן דִי הַוָּה אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אֵיין רֶגַע, "דַּאֲגָה מִנַּיִן", אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ דַאֲגָה'נֶען.

לוֹיף אִין מִקְוֶה אוּן גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן דַיְקָא וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; וֶוען מֶען עֶפְנְט דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְווִיקְלֶען אִין דַיין טַלִּית אוּן אַרוֹיס זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת.
~~~~~~~~~~

אַ שָׁאד וָואס דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט דַיין עָבַר; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן אוּן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עָבַר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כו); וָואס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דַאֲגָה'נֶען? וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן זִיךְ בַּייסְן דִי לִיפְּן אַ גַאנְצְן טָאג? עֶנְדֶערְשׁ עֶפְן דַיינֶע לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט מַיין שְׁלִיחוּת וָואס מוֹהַרָא"שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מִיר מְמַנֶּה גֶעוֶוען; מִיט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, מֵיידְל סְקוּל וְכוּ' וְכוּ'; אַז מֶען הֶעלְפְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען

זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

שְׁטוּפּ נִישְׁט אַוֶועק דִי גַבָּאִים וָואס קוּמֶען אַיינְקֶעסִירְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד; דֶער מִיט דִי רֶענְט, דֶער צְוֵוייטֶער פַארְ'ן כּוֹלֵל, אַ דְרִיטֶער פַאר אוּמַאן אוּן אַ פֶערְטֶער פַאר דִי מְלַמְּדִים וְכוּ'; וִויפִיל מִיר זָאלְן נָאר גֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן. וָואס קֶען מֶען בַּאצָאלְן פַאר לֶעבְּן? וָואס קֶען מֶען גֶעבְּן פַארְ'ן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת? וָואס קֶען מֶען צוּרִיק גֶעבְּן פַארְ'ן אוֹיסְלֶערְנֶען חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת?

עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן: 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט', אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל. זִי הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן אִיר לֹא עָלֵינוּ נִפְטָר וֶוערְן; אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִיר פֶּסַח אוּן זִי הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח זוּפּ מִיט "צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ", הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: "אוּן פַאר דִי צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל - אַבְרָהָם בֶּער אוּן רִבְקָה; פְלֶעגְט זִי שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז זִי הָאט חֲרָטָה פַארְוָואס זִי הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

אִיךְ שִׁיק דִיר בִּילְדֶער פוּנֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּנוּ.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁטֶענְדִיגֶע הִילְף.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דַיין הִילְף וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג מִיט אַזַא גֶעטְרֵייַשַׁאפְט; אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן זוּמֶער שְׁנַת תש"ע לִפְרָט קָטָן אִין קֶעמְפּ, וֶוען דוּ הָאסְטוּ זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשַׁארְט דַיין עֶרְמֶעל מִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט, בִּיז הַיינְט שְׁנַת תשע"ט וָואס דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ מִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מִיר בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן הָאסְטוּ גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק פוּן דִי הוֹצָאוֹת אוּן דוּ הָאסְט מְנַדֵב גֶעוֶוען דִי 'מִקְוֶה טָהֳרָה' וָואס אִיז בַּיי אוּנְז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט בַּיים מְגַלֶה זַיין דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "דָאס עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה"; דָאס בְּרֶענְגְט טָהֳרָה אוּן הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, אוּן צוּ בָּנֵי בְּרוּכֵי, חַיֵי אֲרוּכֵי, מְזוֹנֵי רְוִיחֵי, וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָא אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

וואוּנְטְשְׁט דִיר דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיב אוּן בֶּעט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן מוֹסָד אִיז אַ נִצְחִיוּת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר זוּנְטָאג קוּקְן דֶעם קֶעמְפּ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר דָאס יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן זוּמֶער מִיט דִי קֶעמְפּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן מוֹסָד אִיז אַ נִצְחִיוּת - אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר פַאר צַייטְוַוויילִיג; אַז מֶען בּוֹיט מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, בִּפְרָט מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען בּוֹיט אוֹיף קִינְדֶער צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען דֶעם זוּנְטָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּנֶעם קֶעמְפּ, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן טְרֶערְן פוּן לוֹיב אוּן דַאנְק פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט דִי רֵיינֶע לוּפְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט צְוֵויי יָאר, עֶס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַן אַלְטֶע חָרוּבְ'דִיגֶע שׁוּל, אָבֶּער 'תּוֹכוֹ רָצוּף אַהֲבָה מִבְּנוֹת יְרוּשָׁלָיִם (שִׁיר הַשִּׁירִים ג, י)'; דִי דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן דָארְט גֶערֶעדְט, דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעלֶערְנְט - טוֹיזְנְטֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא, הוּנְדֶערְטֶער פְּרָקִים
~~~~~~~~~~

מִשְׁנָיוֹת און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ גֶעפִילְן און מֶען הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ לַיידְן דִיר אַיין צוּם לֵיל הַסֵּדֶר און צוּ אַלֶע סְעוּדוֹת יוֹם טוֹב; וָואס קֶען מֶען טוּן, דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זִיצְן דָאס יָאר מִיט דַיין ווַייבּ און פִירְן אַלֵיינְס אַ סֵדֶר, אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַנְדֶערְשׁ דַארְפְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן; נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס קֶען זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר דֶעם נֶעכְטִיגְן שִׁיעוּר וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצָה אַז מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן און אוֹיפְפְרִישְׁן, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען און נִישְׁט שְׁלֶעפְּן אַלְטֶע מַעֲשִׂים.

דָאס וָואס דוּ טְרַאכְסְט כְּסֵדֶר: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן' - דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן; דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁפִּילְט מִיט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ דֶעם זֶעלְבְּן שְׁפִּיל. עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, און אַיין עֲבֵירָה שְׁלֶעפְּט שׁוֹין צוּ נָאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, נָאכְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע רְצִיחָה, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ סַם אַז עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ הֵייבְּט עֶר אָן פַאנְטַאזִירְן אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן: 'אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ'; 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נִישְׁט' חַס וְשָׁלוֹם; אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און אִיז
~~~~~~~~~~

אוּנְז מְחַזֵק אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן אוּן אַלְץ טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן גוּטְס?'

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶערֶעדְט אִיבֶּער נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דֶעם סֶעלְפָאוּן; לָאז דַיין שְׁטוּבּ רֵיין אוּן הַאלְט דָאס זוֹיבֶּער. אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶש, אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד זָאלְסְטוּ טוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוֵוּיינְט, גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס קֶען זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט. דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַודַאי וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶוען עֶר הָאט אִים אַמָאל בַּאגְלֵייט צוּם רֶבִּי'נְס צִיוּן; אוֹיפְן וֶועג הָאט זִיךְ צֶערִיסְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער'ס רֶעקְל, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֵיי אוּן נֵיי צוּ דַיין רֶעקְל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּגָדִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן", אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעוָואלְט זֶען וִוי רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם צִיוּן, אִיז עֶר וַוייטֶער מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?"

זָאג נִישְׁט קַיין לִיגְנְט פַאר דַיין וַוייבּ; דֶער שְׁטְרָאף פוּן אַ לִיגְנֶער אִיז אַז וֶוען עֶר זָאגְט שׁוֹין יָא דֶעם אֱמֶת גְלֵייבְּט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט. עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דִי אַלֶע לִיגְנְטְס, מֶען קֶען סַיי וִוי נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי וַוייבּ וַוייל זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט אַלֶעס וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ אַ חָבֵר אִיז עֶס נָאר דִי וַוייבּ"; דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דַיין חָבֵר מִיט וֶועם דוּ פַארְבְּרֶענְגְסְט דַיין צַייט וֶועט דִיר בַּאגְרָאבְּן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן דִיר, עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן פַארְן לֵייגְן אִין דִי זַייט דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דַיין לֶעבְּן פַאר דֶעם חָבֵר.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אִיר צְנִיעוּת; זָאג אִיר וִוי שֵׁיין זִי זֶעט אוֹיס מִיט אִיר צְנִיעוּת. יֶעדֶע סָפֵק וָואס זִי הָאט אוֹיף אַ קְלֵייד - צִי עֶס אִיז גוּט אָדֶער נִישְׁט זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. וֶוען זִי פְרֶעגְט דִיר אוֹיף אַ זַאךְ צִי עֶס אִיז גוּט אָדֶער נִישְׁט, עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט", וַוייל דוּ וֵוייסְט יָא, בֶּאֱמֶת אִין הַארְץ וֵוייסְטוּ וָואס אִיז יָא גוּט אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט. רוֹים אוֹיס דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן רֵיינְוַואשְׁן אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הֶחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל וֶוערְן רֵיינְגֶעוַואשְׁן פוּן זַיין פַּרְשָׁה וָואס עֶר הָאט מִיטְ'ן גוֹי וְכוּ'; עֶר אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג אוּן עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ ווּאוֹילֶער בָּחוּר. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין זַכַּאי בַּדִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מְ'דַארְף אָבֶּער עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן פֶּסַח'דִיג מַאכְן דִי יְשִׁיבָה גְלַייךְ נָאךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל; דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ עֶסְן אִין יְשִׁיבָה מִיט נָאךְ אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הֶעלְפְן מִיר עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אָבֶּער אִיךְ מוּז עֶס עֶנְדִיגְן; אִיךְ קֶען נִישְׁט לָאזְן עֶס זָאל מִיר חָרוּב גֵיין, מוּז מֶען פַארְמַאכְן דֶעם דַאךְ עֶס זָאל נִישְׁט

אַרַיין רֶעגֶענֶען; דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ עֶסְן דִי וָואךְ שַׁבָּת מִיט דִי פָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הֶעלְפְן מִיר.

אֵייגֶער פְרֶעגְט מִיר: "וָואס אִיז גֶעשֶׁען לֶעצְטְנְס אַז אַלֶעס אִיז גֶעלְט? אַמָאל הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי אַלֶע זַאכְן פַאר גֶעלְט, הַיינְט בֶּעט מֶען יֶעדֶע צְוֵוייטֶע טָאג גֶעלְט, וָואס גֵייט פָּאר?!" וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד עֶלְף יָאר וָואס אִיךְ זִיץ אִין יְשִׁיבָה אָן קַיין גֶעהַאלְט. פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה פְלֶעג אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע גֶעהַאלְט, אִיךְ פְלֶעג פַארְדִינֶען צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער אַ וָואךְ. מֶען הָאט מִיר גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת וֶועלְן זֵיי מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וֶועט מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן. אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים; קַיין שׁוּם רֶבִּי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים, זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן".

לְמַעֲשֶׂה אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, מֶען הָאט מִיר בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, אוּן פוּן דֶעמָאלְט - תשס"ט - בִּיז יֶעצְט זִיץ אִיךְ אִין יְשִׁיבָה אָן קַיין גֶעהַאלְט.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט, אִיךְ בַּאקוּם מַיין גֶעהַאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ ווִיל נָאר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר זָאלְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי לִימוּדִים וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

מִיר פָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר פָארְן מִיט אַלֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן הֶעכֶער זִיבְּן יָאר אוּן מִיט אַלֶע בָּחוּרִים, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן אַ רֵיינֶע פְּלַאץ; רֵיין אִין קְדוּשָׁה אוּן רֵיין פוּן לֵיצָנוּת. דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מִיר מַאכְן יֶעדֶע פָאר וָואכְן אַן עֵסֶק פוּן דִי וָואס שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אָן צוּ הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן אוֹיסְרוֹימֶען דִי יְשִׁיבָה פוּן אַלֶע חָמֵץ.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ צִי מִיר הָאבְּן אַ פֶּסַח'דִיגֶע סַאמָאוַואר (פֶּערְקִיוּלֶעיטָאר) פַאר קַאוֶוע, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נוּצְן דִי חָמֵצ'דִיגֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## "וָואס אִיז נַייעֶס?"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי א', ט' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

"וָואס אִיז נַייעֶס?"

וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען שְׁטֵייט הֶערְט מֶען דִי פְרַאגֶע: "וָואס אִיז נַייעֶס?" אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט רֶבִּי נָתָן, וֶועסְטוּ וִויסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער פְרֶעגְט דִיר: "וָואס אִיז נַייעֶס?", רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פַּארְטָאגְס דַאוֶּוענֶען וָתִיקִין און עֶר הֶערְט וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט הִיצִיג, עֶפֶּעס קָאכְט זִיךְ, פְרֶעגְט עֶר אֵיינֶעם: "וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען?" עֶנְטְפֶערְט אִים יֶענֶער: "אִיר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס? דֶער און דֶער אִיד אִיז אַוֶועק; אַן אַלְטֶער אִיד, אַ זָקֵן דָא אִין שׁוּל וְכוּ'", און יֶענֶער זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער עוֹלָם קָאכְט מִיט דִי נַייעֶס, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי נָתָן: "דָאס אִיז נַייעֶס?! אַז אֵיינֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אִיז נַייעֶס?! נַייעֶס אִיז אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ (אֵיכָה ג, כג) - דָאס אִיז נַייעֶס"; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט צוּרִיק דִי נְשָׁמָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז זוֹכֶה נָאךְ אַ טָאג צוּ לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין - דָאס אִיז נַייעֶס.

הַלְוַואי וָואלְסְטוּ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הַפָּצָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַפָּצָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען טוּן אָפְּצוּוָאוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בִּפְרָט אוֹיף בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ. זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן

אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, בִּיז עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי זִיךְ אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן מִיט גָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן רֶעדְט צוּ זֵיי אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט זֵיי; ווארוּל אִיז פַּאר דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק בְּתִיקוּן הָעוֹלָם.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי הַפָּצָה, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח.): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, "וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ", עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יְשִׁיבָה אַ 'בֵּית הַדְּפוּס' וואוּ מִיר פַּארְקוֹיפְן אַלֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת, קוּם אַיינְקוֹיפְן זָאלְסְט הָאבְּן וָואס מֵפִיץ צוּ זַיין; יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג וֶוען מֶענְטְשְׁן דַארְפְן אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע הֲכָנָה פַאר יוֹם טוֹב.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז חוּץ דִי ד' בָּנִים וָואס מִיר הָאבְּן אִין דִי הַגָּדָה - דֶער חָכָם, דֶער רָשָׁע, דֶער תָּם אוּן דֶער שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, הָאבְּן מִיר הַיינְט אַ פִּיפְטֶע קִינְד, אַ קִינְד וָואס פְרֶעגְט גָארְנִישְׁט; עֶר וֵוייסְט נִיטְאָמָאל אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַזַא זַאךְ ווִי פֶּסַח, ווִי אִידִישְׁקֵייט; דַארְף מֶען זֵיי אוֹיפְזוּכְן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**אוֹיסְרוֹימֶען אַלֶע סָארְט כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם שְׁמוּץ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', ט' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה.

מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פֶּסַח אִיז "זְמַן חֵירוּתֵנוּ"", אַ צַייט וָואס מֶען וֶוערְט פְרֵיי פוּן אַלֶע צָרוֹת; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע צָרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וָואס אִיז גָלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

זֶע אוֹיסְצוּרוֹימֶען אַלֶע סָארְט כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוער עֶס אִיז אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין דֶעם וֶוערְט נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערִיסְן בַּיים סוֹף. דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אַ זִיסֶע פָּנִים וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֶעלְט אַרָאפּ סַם פַאר מַייז; מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם זִיסֶע זַאכְן, דִי מַייז עֶסְן דָאס מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי פַאר'סַמ'ט.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט זִיךְ רֵיין צוּ מַאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּץ אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם מַגָּע וּמַשָּׂא מִיט דֶעם, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין בְּמִדְבַּר רַבָּה י, ב): "הָעַיִן רוֹאָה, וְהַלֵּב חוֹמֵד, וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גוֹמְרִים", אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן; אַז מֶען פַארְשְׁמִירְט זִיךְ דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען
~~~~~~~~~~

פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה; מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים און מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר און דוּ פַּארְרוּפְסְט זִיךְ אַלְץ אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ אָנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר: "בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דַיין סְמַארְטְפָאוּן און טֶעבְּלֶעט""; אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אַ סֶעלְפָאוּן פַאר דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט – אִיז אֵיין זַאךְ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס דַארְף זַיין גֶעפִילְטֶערְט וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען דוּ גֵייסְט אַהֵיים זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען. אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער און הָאבְּן דַיין קָאפּ מִיט דִיר. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן און נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער; אַסַאךְ שטוּבֶּער זֶענֶען חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם און שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען כַאפְּט זִיךְ אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

צַייטוּנְגֶען און מַאגַאזִינֶען – אֲפִילוּ הֵיימִישֶׁע – אִיז חָמֵץ גָמוּר; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ה): "וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ", חָמֵץ און מַצָּה הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת, בֵּיידֶע הָאבְּן דֶער אוֹת מֶ"ם און דֶער אוֹת צַ'דִּיק, דֶער גַאנְצֶער חִילּוּק אִיז פוּן דֶעם אוֹת חֵי"ת און דֶעם אוֹת ה׳ וָואס מַאכְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע צוּם אוֹת ה׳ וֶוערְט אַ חֵי"ת; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אֲפִילוּ בְּמַשֶּׁהוּ, זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוֹיסְרוּימֶען אַלֶע צַייטוּנְגֶען און מַאגַאזִינֶען פוּן שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**וִוי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פוּן דִי לִיבְּהָאבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; גְעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אָן דֶעם וָואס מִיר זָאלְן דַארְפְן פַאסְטְן אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת. דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ בִּזָיוֹן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן פַאסְטְן אוֹיף דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע טְשֶׁרְנָאבְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר בַּיים גֶעזֶעגֶענֶען דֶעם עוֹלָם גֶערֶעדְט צוּ אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִים בַּאגְלֵייטְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:): "הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָם עוֹלְבִים שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים", דִי וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, אַז אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז וואוּ אִיךְ גֵיי גֶעבְּט מֶען מִיר כָּבוֹד? אַלֶע זֶענֶען מִיר מְכַבֵּד אוּן קֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט מִיר נִישְׁט, וִוי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פוּן דִי לִיבְּהָאבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" - אוּן עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "מֶען דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן בַּיי דִי וָואס מֶען אִיז זֵיי מְבַזֶה אוּן זֵיי שְׁוַוייגְן, מֶען זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי", הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: "דָא אִין שְׁטָאט וואוֹינְט אַ אִיד וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רוֹדְפְ'ט אִים, אַלֶע שְׁפֶּעטְן פוּן אִים אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין זַיינֶע זְכוּתִים", אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ רוּבְּל מֶען זָאל אִים קוֹיפְן דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת' וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג מָאל דִי פְּרֵייז פוּנֶעם סֵפֶר, וַוייל מִיט אַ רוּבְּל הָאט מֶען גֶעקֶענְט דֶעמָאלְט קוֹיפְן צְוָואנְצִיג סְפָרִים.

גְלַייךְ אִיז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי שְׁלֹמֹה רְאוּבֵן זְלַאטֶעס גֶעלָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר'ן צַדִיק דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם קוֹיף אִיךְ זִיךְ אַיין אִין דֶעם אִיד וָואס אַלֶע רוֹדְפְ'ן אִים".

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער זָאגְט דִיר אַ וָוארְט; פַארְקֶערְט, נֶעם דָאס אָן בְּשִׂמְחָה פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פוּן דִי לִיבְּהָאבֶּערְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְגֶעס נִישְׁט צוּ בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דַיין שַׁאפֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַסַאךְ מָאל הַאלְט מֶען דָארְט חָמֵץ וְכַדוֹמֶה, דַארְפְסְטוּ דָאס בּוֹדֵק זַיין פַאר פֶּסַח. מֶען קֶען שׁוֹין בּוֹדֵק חָמֵץ

זַיין פַאר בְּדִיקַת חָמֵץ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. אוֹיךְ דַארְף מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דִי קַאר; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען מַאכְט עֶס רֵיין, מֶען דַארְף דָאס בַּאזוּנְדֶער בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, אוֹיפְזוּכְן אִין אַלֶע לֶעדְלֶעךְ צִי מֶען הָאט דָארְט חָמֵץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

### נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט וַואקְסִינִירְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

יֶעצְט וֶוען עֶס בּוּשֶׁעוֶועט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט דִי מַחְלָה פוּן מִיזֶעלְס שְׁטֶעל אִיךְ אַוֶועק אַ תַּקָּנָה בַּיי אוּנְז אִינֶעם מוֹסָד אַז מִיר נֶעמֶען נִישְׁט אָן קַיין קִינְדֶער - סַיי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי מֵיידְלֶעךְ - וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קַיין וַואקְסִינֶען אַנְטְקֶעגְן דִי מַחֲלוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

מִיר גֵייעְן אוֹיפְן וֶועג וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ אִינְמִיטְן וִוינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינֶע אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכְן וִוינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זִירָא, עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפּ גֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זִירָא) דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז "וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ (עַיֵּין בְּסֵפֶר אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד)", דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין וַואקְסִינֶען זָאל נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי שִׁיקְן אִין מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען פַארְלַאנְגְט דָאס נִישְׁט.

דִי תַּקָּנָה אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַארְ'ן קֶעמְפּ; בִּיטֶע זַיי דָאס מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן ווִי פְרִיעֶר, אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ נָאר וֶוער עֶס אִיז וַואקְסִינִירְט.

ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיין שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

## וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער וֶוערְט רַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בַּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן אִין שֵׁיינֶע גְרַאמֶען.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִילִים אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵּם גֶעוֶועזְן תְּהִילִים דִי נַיינְטֶע מָאל; זֵיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; מוֹהַרְאַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער וֶוערְט רַייךְ. וַוייל אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אוֹיסְנֶוויינִיג קוּמְט אוֹיס זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַז מֶען לָאזְט אוֹיס וֶוערְטֶער אוּן צוּמָאל גַאנְצֶע בְּרָכוֹת, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

## מְכַבֵּד זַיין דֶעם טַאטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁרַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע תַּלְמִיד, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען דֶעם דְרִיטְן מָאל 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע צָרוֹת. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלוֹת פוּן לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ז): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", דִי גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; דָאס אִיז בִּכְלָלִיּוּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיְין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיְין אֵייגֶענֶע פְּרָטִיּוּת'דִיגְן גָלוּת, בִּזְכוּת וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיְין טַאטֶע וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר; פוּן אֵיין זַיְיט בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ אִים, שְׁטִילֶערְהֵייט צָאלְסְטוּ דִי רֶענְט מִיט דִי לֶעקְטֶער וְכוּ' אוּן דוּ הֶעלְפְּסְט מִיט דַיְין גַאנְצֶע הַארְץ דַיְין מַאמֶע זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיְין קַיְין מְחוּצָּף פַאר דַיְין טַאטֶע אוּן אִים נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה א): "יֵשׁ שֶׁהוּא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵיהִנָּם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס הַאלְט אוֹיס זַיְין טַאטֶע, עֶר בְּרֶענְגְט אִים צוּ עֶסְן גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועט עֶר גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, "וְיֵשׁ שֶׁהוּא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", ווִידֶערְאוּם אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס מַאכְט זַיְין טַאטֶע טוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר הָאבְּן גַן עֵדֶן; דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, "בְּאֶחָד שֶׁהָיָה מַאֲכִיל לְאָבִיו תַּרְנְגוֹלִים פְּטוּמִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן זַיְין טַאטֶע, דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן אוּן דֶער זוּן פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג גֶעשְׁטָאפְּטֶע גֶענְז, אֵיין טָאג פְרֶעגְט אִים זַיְין טַאטֶע: "פוּן וואוּ הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶענְז?" הָאט דֶער זוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט: 'אַלְטֶע טַאטֶע וָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹיפִיל, שְׁוַויְיג אוּן עֶס, אֲפִילוּ הוּנְט וֶוען זֵיי עֶסְן בִּילְן זֵיי נִישְׁט, פְרֶעג נִישְׁט קַיְין קַשְׁיוֹת, עֶס אוּן שׁוֹין', "נִמְצָא מַאֲכִיל אֶת אָבִיו פַּטוּמוֹת, וְיוֹרֵשׁ גֵיהִנָּם", קוּמְט אוֹיס אַז אִין הָכִי נַמִּי, עֶר גֶעבְּט טַאקֶע צוּ עֶסְן דֶעם טַאטְן, אָבֶּער עֶר וֶועט גֵיין בַּיים סוֹף אִין גֵיהִנּוֹם, ווַייל עֶר רֶעדְט מִיט חוּצְפָּה.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דֶעם טַאטְן צוּ אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר גֵיין אִין גַן עֵדֶן, ווִי אַזוֹי אִיז דָאס שַׁיָּיךְ? דֶערְצֵיילְט דָארְט דִי גְמָרָא: "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁהָיָה טוֹחֵן בָּרֵחַיִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיי אַ מִיל, אֵיין טָאג הָאט דֶעם אִידְ'ס טַאטֶע בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג עֶר זָאל

קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אִין פַּאלַאץ, הָאט דֶער זוּן גֶעזָאגְט: טַאטֶע, נֶעם אִיבֶּער מַיין אַרְבֶּעט בַּיים מִיל אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין אַנְשְׁטָאט דִיר אַרְבֶּעטְן בַּיים קֶענִיג, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט בַּיים קֶענִיג, "נִמְצָא מַטְחִינוֹ בָּרֵחַיִים, וְיוֹרֵשׁ גַּן עֵדֶן", קוּמְט אוֹיס אַז כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גֶעמַאכְט זַיין טַאטֶע אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער בַּאקוּמְט עֶר אָבֶּער שְׂכַר אוֹיף דֶעם.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דַיין פַּאל, אַז דַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר זִיצְט אוּן שְׁטוּב וְכוּ' אוּן עֶר מֵיינְט אַז דִי מִשְׁפָּחָה צָאלְט דִי רֶענְט, עֶר וֵוייסְט נִיטְאַמָאל אַז דוּ מִיט דַיין בְּרוּדֶער אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ דֶעקְן חוֹדֶשְׁ'לִיךְ דִי רֶענְט אוּן אַנְדֶערֶע הוֹצָאוֹת, דַארְפְסְטוּ אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, וַוייל אַז מֶען עֶנְטְפֶערְט מִיט חוּצְפָּה פַאר אַ טַאטֶע אוּן אַז מֶען רֶעדְט מִיט עַזּוּת וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

זֶע צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה צוּ דִי נָאכְמִיטָאג שִׁיעוּר; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן דִי טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

### אַז דֶער צַדִיק זָאגְט בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִיר גֶעזָאגְט אָפְן אוּן קְלָאר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּם דָאקְטֶער וָואס דַארְפְסְטוּ אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן אִיבֶּער טְרַאכְטְן?! זֶע צוּ פָאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין.
~~~~~~~~~~~

אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעזוּנְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעזֶען דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁנַיידְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אֵיינְגֶע'עַקְשְׁנְ'ט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֶעגְן אַ צַדִּיק וָואס צוּ טוּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן קמג): "מַעֲלַת הַמְקַבֵּל עֵצָה מֵחַכְמֵי הַדּוֹר", דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֶעגְן אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִּיק, "כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים", וַוייל וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ צַדִּיק אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע דִינִים, "כִּי כְּשֶׁצָּרִיךְ לְעֵצָה וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ אֵיךְ לַעֲשׂוֹת, הִיא בְּחִינַת צִמְצוּם", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַן עֵצָה אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ פַארְקְלַאפְּטְקֵייט, "כִּי נִתְצַמְצֵם שִׂכְלוֹ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ אֵיךְ לַעֲשׂוֹת, וְהוּא בְּחִינַת דִּינִים כַּיָּדוּעַ", אוּן וֶוען דֶער מֹחַ וֶוערְט פַארְמַאכְט וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, קֶען מֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, "וְעַל יְדֵי שֶׁהֶחָכָם נוֹתֵן לוֹ עֵצָה, הוּא מַרְחִיב לוֹ, וּמֵאִיר בּוֹ חָכְמָתוֹ וְכוּ'" אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הֶערְט אַן עֵצָה פוּן אַ צַדִּיק, עֶפְנְט עֶר אוֹיף דֶעם מֹחַ אוּן שַׁיינְט אִים אַרַיין וָואס צוּ טוּן.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי: "גַּם אִם מְקַבֵּל עֲצַת הַצַּדִּיק", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט אַ צַדִּיק וָואס צוּ טוּן אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט אִים, "אַף שֶׁאַחַר כָּךְ לֹא עָלְתָה לוֹ יָפֶה מֵעֲצָתוֹ", שְׁפֶּעטֶער אוֹיבּ עֶר זֶעט אַז עֶס אִיז אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען גוּט, "אֲזַי יוֹדֵעַ שֶׁהָיָה רַק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶער אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, וָואלְט גֶעקוּמֶען צוּ אִים דִי שְׁלֶעכְטְס צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אַליין הָאט זִיךְ דָאס גֶעבְּרֶענְגְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, ג): "אִוֶּלֶת אָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, "תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ", מַאכְט עֶר עֶס זָאל קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, "וְעַל ה' יִזְעַף לִבּוֹ", נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאךְ בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַךְ אִם קִבֵּל עֲצַת הַצַּדִּיק, יוֹדֵעַ שֶׁהוּא רַק עַל פִּי מִשְׁפָּט שֶׁלְּמַעְלָה", אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִילָה וָואס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף דִי תּוֹרָה, אִין "לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת" תְּפִלָּה קי"ז:

"בַּעֲצָתְךָ תַנְחֵנִי וְאַחַר כָּבוֹד תִּקָּחֵנִי" רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "מַלְכִּי וֵאלֹהָי אֵלֶיךָ אֶתְפַּלָּל אֵלֶיךָ ה' אֶקְרָא וְאֶל ה' אֶתְחַנָּן עַד אָנָה אָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי, יָגוֹן בִּלְבָבִי יוֹמָם, עַד אָנָה יָרוּם אוֹיְבִי עָלָי", רַחֵם עָלַי לְמַעַן שְׁמֶךָ, וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, וְהוֹשִׁיעֵנוּ מְהֵרָה לְמַעַן שְׁמֶךָ, כִּי אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל חֶסְרוֹן הָעֵצָה, וְעֹצֶם רִבּוּי הַסְּפֵקוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּלִבִּי בְּכָל הַדְּבָרִים אֲשֶׁר

עַל פִּי רוֹב כָּל עֲצָתִי חֲלוּקָה לִשְׁתַּיִם, וְאֵינִי יָכוֹל לָתֵת עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי בְּשׁוּם דָּבָר לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן אֲשֶׁר זֶה הַדָּבָר הָיָה בְּעוֹכְרַי וּמוֹנֵעַ אוֹתִי הַרְבֵּה מֵעֲבוֹדַת ה׳ וּמִתְּשׁוּבָה אֲמִתִּיִּית רַחֵם עָלַי בַּעַל הָרַחֲמִים גְּדוֹל הָעֵצָה וְרַב הָעֲלִילָה, וְזַכֵּנִי לְקַבֵּל תָּמִיד כָּל הָעֵצוֹת מִצַּדִּיקֵי וּכְשֵׁרֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים, אֲשֶׁר כָּל עֲצוֹתֵיהֶם נִמְשָׁכוֹת מֵהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁקִּבְּלוּ מֵרַבּוֹתֵיהֶם הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים הָאֲמִתִּיִּים זַכֵּנוּ לְהִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת וּלְקַבֵּל מֵהֶם כָּל הָעֵצוֹת בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, הֵן בַּעֲבוֹדוֹת ה׳ וְהֵן בַּעֲבוֹדוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן וּפַרְנָסָה, וְהֵן בִּשְׁאָרֵי עֲסָקִים, בְּכֻלָּם אֶשְׁאַל אֶת פִּיהֶם וְאֶזְכֶּה לֵהָנוֹת מֵהֶם עֵצָה וְתוּשִׁיָּה, וְיָאִירוּ בִּי חָכְמָתָם הַקְּדוֹשָׁה, וְעַל יְדֵי זֶה יִהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלַי חֶסֶד גָּדוֹל, וְיַמְתִּיקוּ וִיבַטְּלוּ מִמֶּנִּי כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם וְאֶזְכֶּה לִישׁוּעָה שְׁלֵמָה בְּכָל עֵת כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וּתְשׁוּעָה בְּרֹב יוֹעֵץ", וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי תָּמִיד. שֶׁלֹּא אֶכָּשֵׁל לְעוֹלָם בְּעֵצָה שֶׁאֵינָהּ טוֹבָה חַס וְשָׁלוֹם וְלֹא אַמְשִׁיךְ עָלַי שׁוּם צַעַר וְיִסּוּרִים וְהֶזֵּק חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי עֵצוֹת נִבְעָרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַק אֶשְׁתַּדֵּל תָּמִיד לְקַבֵּל כָּל הָעֵצוֹת מִצַּדִּיקֵי וּכְשֵׁרֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים, בְּאֹפֶן שֶׁיָּאִירוּ בִּי חָכְמָתָם הַקְּדוֹשָׁה וּתְעוֹרֵר רַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ הַגְּדוֹלִים עָלַי בְּכָל עֵת, וְתוֹשִׁיעֵנִי תָּמִיד בְּכָל מַה שֶׁאֲנִי צָרִיךְ לְהִוָּשַׁע בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת, וְיִהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלַי חֶסֶד אֵל כָּל הַיּוֹם וִיקֻיַּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב "ה׳ הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת עַמִּים, רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ וַעֲצַת ה׳ הִיא תָקוּם עֲצַת ה׳ לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדוֹר וָדוֹר", וְנֶאֱמַר "ה׳ צְבָאוֹת יָעָץ וּמִי יָפֵרְנָה", וְנֶאֱמַר "יִתֶּן לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל עֲצָתְךָ יְמַלֵּא, נְרַנְּנָה בִּישׁוּעָתֶךָ וּבְשֵׁם אֱלֹקֵינוּ נִדְגֹּל, יְמַלֵּא ה׳ כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ ה׳ הוֹשִׁיעָה הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם קָרְאֵנוּ יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן".

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

## נִישְׁט אַרײנְמִישְׁן אִין מַחֲלוֹקֶת צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ גֶעוֵוײנְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְג קִינְד וָואס הַאלְט אִינְמִיטְן וַואקְסְן אוּן דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר אַזוֹי פַארְפְּלָאנְטֶערְט... נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דִיר הֶעלְפְן, נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ צָרָה. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיר, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁלָאגְן זִיךְ הֶענְט אוּן פִּיס, עֶס גֵייט מַכּוֹת אִין שְׁטוּבּ אוּן דַיין מַאמֶע פְרֶעגְט דִיר אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ גֶטְ'ן וְכוּ', דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס דוּ זָאלְסְט אִיר עֶנְטְפֶערְן; דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר דִיר וָואלְט גֶעוֶועזְן וֶוען דוּ קֶענְסְט גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי דַיין בַּאבֶּע אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי מַחְלוֹקֶת. דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע בַּאבֶּע אִין ..., זִי פִירְט אַ וואוֹילֶע שְׁטוּבּ אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִיר, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר דַיין מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זִי זָאל דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מִיט דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי דַיין בַּאבֶּע.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיר. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּקוּקְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; יֶעדֶע נַאכְט קוּמֶען פַאר טַעֲנָה'רַייעֶן אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן זֵיי בִּיז זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ רַחְמָנָא לִצְּלָן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ זֶע וִוי זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין מַאמֶע, אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ צֶערִיסְן צְווִישְׁן זֵיי; וֶוען מַיין מַאמֶע הֵייסְט מִיר עֶפֶּעס טוּן זָאגְט מִיר מַיין טַאטֶע אַז אוֹיבּ אִיךְ גֵיי עֶס טוּן גֵייט עֶר מִיר שְׁלָאגְן, אוּן וֶוען מַיין טַאטֶע הֵייסְט מִיר עֶפֶּעס טוּן שְׁרַייט מַיין מַאמֶע אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט טוּן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ וֶוער צֶערִיסְן אִינְדֶערְמִיט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה; וֶוען עֶס וֶוערְט אַ קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין דָארְט, נָאר זֶע צוּ לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ 'סֵפֶר תְּהִילִים'; זֶע צוּ זָאגְן תְּהִילִים וַוייל אִין דֶעם לִיגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת. זָאג אִין אַ סֵדֶר יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, אוֹיבּ דוּ הָאסְט צַייט צוּ זָאגְן דֶעם

'יוֹם תְּהִילִים' זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים' אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן וִויפִּיל דוּ קֶענְסְט.

שְׁרַייבּ מִיר כָּאטְשׁ אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

**הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּאשְׁטֵייט פוּן צְוֵויי זַאכְן: 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' אוּן 'הַפָּצָה'; זֶע צוּ זַיין אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

הַיינְט הָאבְּן מִיר מְסַיֵּם גֶעוֶוען תּוֹסֶפְתָּא סֵדֶר זְרָעִים, אוּן בִּכְלַל יֶעדֶע פָּאר טֶעג מַאכְט מֶען נָאךְ אַ סִיּוּם; דֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם מַסֶכֶת חוּלִין פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי. עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן צוּ וָואס פַאר אַ דַּרְגָא דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז; אַז מִיר פָּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן שְׁפַּאצִירְן אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ מְסַיֵּם זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לְאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן פְּלַאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָּארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלֶץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלֶץ גֶעוֶוען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען
~~~~~~~~~~

אִין וַוארְשָׁא' אוּן נָאךְ, "כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט: 'אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּעראַל'; "וְלֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ פִּירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּם זַיין יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח 'מַסֶּכֶת תָּמִיד'; עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע מַסֶּכְתָּא פוּן זִיבְּן בְּלַאט וָואס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג אָנְצוּהֵייבְּן אוּן צוּ עֶנְדִיגְן. אִיךְ פִיר זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אַלֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ בְּכוֹר הֵייבּ אִיךְ אָן דִי מַסֶּכְתָּא גְלַייךְ אִינְדֶערפְרִי אוּן אִיךְ עֶנְדִיג דָאס. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי מַסֶּכְתָּא פַאר תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים יָארְן צוּרִיק קוּקְן סְלֵיידְס וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן עֶס שְׁטֵייט מִיר נָאךְ פוּן דִי אוֹיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נֶעמֶען דִי מַסֶּכְתָּא אוּן דָאס מְסַיֵּם זַיין אוֹיף עֶרֶב פֶּסַח.

בְּנוֹסָף לָזֶה אִיז גוּט דוּרְךְ צוּ גֵיין מַסֶּכֶת פְּסָחִים לִכְבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח (דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת סוֹטָה אוּן מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת - יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בִּיז דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בַּאשְׁטֵייט פוּן צְוֵויי זַאכְן: 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' אוּן 'הַפָּצָה'; זֶע צוּ זַיין אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט לֵצִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס וְכוּ', גֵיי יֶעצְט כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אִין דֶעם יֶעצְטִיגְן סֶעזָאן וֶוען עֶס הֵייבְּן אָן וַואקְסְן דִי גְרָאז מִיט דִי בֵּיימֶער אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלְיֶע אִיז עֶר אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז, ווִי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן... ווִי גוּט אוּן ווִי אֵיינְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן ווִי זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער, עֶס אִיז גוּט צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי"; מִיר הֶערְן נִישְׁט ווִי דִי גְרָאז זִינְגֶען אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע טַעַם וֶוען מִיר מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן זֵיי, עֶס רֶעדְט זִיךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָארְגְט אוּן טוּט אַלֶעס פַאר אוּנְז; גֶעבּ אַ קוּק, מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אִין מִצְרַיִם בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּנְטֶער פַּרְעֹה, פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע הַאנְט, אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן.

נָאךְ אַ זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֵק פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס מִיר חַזֶרְ'ן פוּן רֶבִּי'ן. טַעְנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן קֵיינֶעם; נֶעם דִי דִיבּוּרִים פַאר דִיר, צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם אַ חַיִים טוֹבִים. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן"; דוּ וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועק גֶעפַאלְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט לֵצִים; מַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרַא"שׁ וֶוען מֶען הָאט מִיר פַארְגֶעהַאלְטְן וְכוּ', וֶוען מֶען פְלֶעגְט מִיר פְרֶעגְן: "הַיִתָּכֵן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן?" "מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט?" פְלֶעג אִיךְ מַאכְן אַ תְּנוּעָה ווִי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ, כְּאִילוּ עֶס אִיז טַאקֶע אִינְטֶערֶעסַאנְט (חַס וְשָׁלוֹם) אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזוּכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אָדֶער פַארְעֶנְטְפֶערְן; עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶס גֵייט מִיר עַד הַיּוֹם נִישְׁט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ

טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אוּן פַארְגִינְט מִיר אַ גוּט לֶעבְן, מֶער פוּן דֶעם ווִיל אִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְט וְכוּ' וְכוּ' - זֶענֶען שׁוֹין פוּן לַאנְג נִישְׁט דָא, דִי אַלֶע הָאבְּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט. קוֹדֶם זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן אוּן הַיינְט קוּמֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קַיין אוּמַאן, זֵיי הָאבְּן הַיינְט גָארְנִישְׁט - נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט; ווַייל וֶוען מֶען ווֶערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן נֶעמְט דֶער רֶבִּי אַוֶועק דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי ווַייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶת פוּן לֶעבְּן אוּן מֶען זֶעט אַז עוֹלָם הַזֶה אִיז נִישְׁט דָא; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ טַעַם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, נֶעם דֶעם רֶבִּינ'ס ווֶערְטֶער ווִי מֶעדֶעצִין; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן ווִי לְמָשָׁל מֶען גֵייט צוּ אַ דָאקְטֶער. וֶוען מֶען גֵייט זִיךְ הַיילְן בַּיי אַ דָאקְטֶער אִינְטֶערֶעסִירְט גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ: "זַיין גֶעזוּנְט"; מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט. אַזוֹי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל): "צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ לְנַפְשׁוֹ רוֹפֵא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד - הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּיוֹתֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּחֲזִיר וִיבַקֵּשׁ תָּמִיד לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהָרַבִּי הַגָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ קוּמְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַזַא צוּגַאנְג, דֶעמָאלְט אִינְטֶערְסִירְט גָארְנִישְׁט.

זָארְג נִישְׁט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶּער ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?", ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּה-סָח - דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע אֵבָרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין חָמֵצְ'דִיג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

מָארְגְן מִיטְוָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָארְקוּמֶען דִי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**מֶען מוּז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט. אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גוּט, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין נָאר אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי גְמָרָא (יְרוּשַׁלְמִי תְּרוּמוֹת, מג:): "רַבִּי יַנַּאי הֲוָה מִידְחַל מִינֵיהּ סַגִּין", דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי יַנַּאי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶענְג, "וַהֲוָה יָהֵב עַרְסֵיהּ עַל אַרְבָּעָה מְרוּשִׁין דְּמַיִין", עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי פִיר פִּיס פוּן זַיין בֶּעט אִין פִיר אַמֶערְס אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, אַז אוֹיבּ אַ שְׁלַאנְג וֶועט קוּמֶען זָאל עֶס נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף זַיין בֶּעט, וַוייל אַ שְׁלַאנְג גֵייט נִישְׁט אִין וַואסֶער; אֵיין טָאג הֵייבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַ שְׁלַאנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַרִימוּן מִינֵיהּ", נֶעמְט אַוֶועק דִי כֵּלִים פוּן וַואסֶער וַוייל עֶס הֶעלְפְט סַיי וִוי נִישְׁט, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר אָפְּהִיטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטז, ו): "שֹׁמֵר פְּתָאִים ה׳"; אַ מֶענְטְשׁ קֶען פְּרוּבִּירְן אַלֶע פָּאטֶענְטְן זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס דָאךְ מוּז עֶר נָאךְ אַלְץ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב; מֶען רֵיינִיגְט, מֶען קוֹיפְט אַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען מוּז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מוּז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט - אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר׳עֶ אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶע׳כַּשֶׁר׳ט זֵייעֶר קָאךְ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ גֶע׳כַּשֶׁר׳ט בַּיי אִים דִי קָאךְ. וֶוען אִיךְ בִּין זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "דִי קָאךְ אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶע׳כַּשֶׁר׳ט", גֶעבְּט עֶר מִיר אַ פְרֶעג: "קֶענְסְט מִיר אוֹיךְ כַּשֶׁר׳ן פַאר יוֹם טוֹב?" אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן דָארְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת זֶעעֶנְדִיג וִוי אַ אִיד וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט
~~~~~~~~~~

יוֹמָם וָלַיְלָה לֶעבְּט מִיט תְּשׁוּבָה און וויל זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ טַאקֶע כַּשֶׁרְ'ן פוּן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים דַארְפְן מִיר זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּן.

מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, בִּפְרָט פַאר פֶּסַח וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג. זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב, לָאז עֶס נִישְׁט אִיבֶּער פַאר דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. זָאלְסְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט דִיר אִיבֶּער לָאזְן בָּארְד און פֵּיאוֹת; אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט דִי שִׁיעוּר פוּן פֵּיאוֹת קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרַיין שֶׁערְן אִין דִי שִׁיעוּר. גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין שֶׁערֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶנְדֶערְשׁ שֶׁער זִיךְ בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס וֶועט דִיר שֶׁערְן ווִי אַ אִיד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וויל זִיךְ כַּשֶׁרְ'ן פַאר יוֹם טוֹב, אִיךְ וויל זַיין כָּשֵׁר, אִיךְ וויל זַיין עֶרְלִיךְ; הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר אַלֶע חָמֵצְ'דִיגֶע בְּלִיעוֹת, אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזַאפְּט אִין מִיר בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר; אִיךְ וויל נִישְׁט זַיין חָמֵצְ'דִיג, אִיךְ וויל נִישְׁט טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען קֶעגְן דַיין ווִילְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שָׂם גּוֹרָלֵינוּ וְחֶלְקֵינוּ; מָארְגְן זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא - 'מַסֶּכֶת חוּלִין'! ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף, עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵּק און מְעוֹדֵד מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן און אַרַיין כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה וָואס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז לְנֵצַח נְצָחִים.
~~~~~~~~~~

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרער ... הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט אוּן בַּאנֵיי זִיךְ; הֵייבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה װֶעסְטוּ הָאבְּן אֵייגְנְס אוּן דוּ װֶעסְט זַיין רַייךְ. קֵיינֶער װִיל נִישְׁט זַיין קַיין אָרִימַאן, יֶעדֶער װִיל הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז. װֶוען מֶען זֶעט אַן הֵיימְלָאזֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט דָאס אַ צִיפּ אִין הַארֶץ; מֶען הָאט זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען פְרֶעגְט זִיךְ: 'וואוּ וואוֹינְט דֶער מֶענְטְשׁ? וואוּ שְׁלָאפְט עֶר וְכוּ'?' מֶען כַּאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן אַ שִׁיעוּר הֵיימְלָאזֶע מֶענְטְשְׁן בְּרוּחְנִיוּת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא - אִיז אוֹיךְ אַן הֵיימְלָאזֶער מֶענְטְשׁ.

מַאךְ זִיךְ אַ חֹק קָבוּעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אַ דַף גְמָרָא טוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, עֶס װֶעט דִיר אַרוֹיסְרַייסְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ; מוֹהַרַא"שׁ זָאגְט אַז דֶער ס"מ װֶעט לָאזְן אַלֶעס טוּן, בִּיז עֶס קוּמְט צוּ עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא, עֶר קוּמְט מִיט טוֹיזֶענְט תֵּירוּצִים - בַּאלְד, שְׁפֶּעטֶער, מָארְגְן, נֶעכְטְן וְכוּ', וַוייל גְמָרָא אִיז פֵייעֶר פַאר אִים אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן. װֶוען אַ אִיד לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא װֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶערְפַאר װֶוען דֶער ס"מ זֶעט וִוי אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא הַאלְט עֶר אִים אָפּ מִיט אַלֶע סָארְט מְנִיעוֹת, מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען.

מוֹהַרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵין בָּבָא מְצִיעָא קז:): "פַּת שַׁחֲרִית מְבַטֶּלֶת כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת"; אַז "פַּת" בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי "תַּלְמוּד", אַז מֶען לֶערְנְט צוּפְרִי אַבִּיסְל גְמָרָא אִיז דָאס מְבַטֵל אַלֶע קְלִיפּוֹת.

טֵייעֶרער חַבֵר, אָחִי הַיָקָר, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן לָאמִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא, װֶער רֶעדְט נָאךְ אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין בַּיי אַ שִׁיעוּר. בָּרוּךְ ה' דָא אִין שְׁטָאט אִין יְשִׁיבָה אִיז דָא יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַ שִׁיעוּר אִינֶעם דַף גְמָרָא; אַז דוּ קֶענְסְט קוּמֶען מִיט לֶערְנֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי װֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ װֶעסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, אַדְרַבָּה, דוּ װֶעסְט נָאר מַרְוִיחַ זַיין, וַוייל דִי תּוֹרָה מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ רַייךְ, דִי תּוֹרָה מַאכְט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

הַיינְט נַאכְט װֶעט אִם יִרְצֶה ה' פָארְקוּמֶען אַ שִׁיעוּר הֲכָנָה לְפֶּסַח; מִיר װֶעלְן צוּזַאמֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַז מִיר

הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועֶן און מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם דוּרְכ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען; אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט אַרַיין צוּצִיעֶן עֶס זָאל נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח.

גֵיי דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אוֹיב מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען דָבָר שֶׁבִּמְנְיָן, מֶען הָאט גֶעלְט, אָבֶער אַז מֶען דַאוְונְט בִּיְחִידוּת דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל בִּכְלָל דַאוֶוענֶען וד"ל.

אַז דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן אַפָּאר דָאלְלֶער פַאר דַיין זוּנ'ס מְלַמֵד עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס צוּ גֵיין צוּם פֶּסַח וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען גֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְדִים גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב חוּץ זֵייעֶר גֶעהַאלְט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ נָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם זֵיי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן זֵייעֶר גֶעהַאלְט, אַלֶע זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶעצָאלְט אוֹיף יוֹם טוֹב. אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, מִיר זֶענֶען שׁוֹין מְלוּמָד בְּנִיסִים, אַלֶע יָארְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט חֲסָדִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גֵיין צוּם סֵדֶר נַאכְט אָן זַיין שׁוּלְדִיג מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, וֶועט עֶר זִיכֶער הַיינְט אוֹיךְ מַאכְן מִיט מִיר אַ נֵס.

אַז דוּ קוּמְסְט צוּם שִׁיעוּר וֶועסְטוּ אִים זִיכֶער טְרֶעפְן, זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַפָּאר דָאלְלֶער עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב; וִוי נִישְׁט זִיצְט עֶר מִיט דַיין זוּן אַ גַאנְץ יָאר, עֶר גֵייט אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן דִי קִינְדֶער, יֶעדְן טָאג זִיצְט עֶר מִיט אַזַא סַבְלָנוּת און אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט. קוּק בַּיי דִיר וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַפָּאר שָׁעָה, שְׁפִּירְסְטוּ שׁוֹין וִוי דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן זִינֶען וְכוּ'.

דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע צְדָקָה; דִי מְלַמְדִים בַּיי אוּנְז זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּבֶ'ע יוּנְגֶעלַייט, זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַאר דִיר אַלֵיינְס גְרוֹיס שֶׁפַע; גֶעדֶענְק, הַכָּרַת הַטוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִידָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**אַרייַנְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיים טוּן מִצְווֹת; הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הַיינְט נַאכְט אִיז מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ. עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט; מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ. זָאלְסְט אוֹיסְרֶעכְענֶען צוּ זַיין צֵייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, בִּפְרָט אַז דוּ הָאסְט קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק חָמֵץ.

בִּכְלָל זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ ווָאס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט זֵיי אַריין אִין דֶעם, זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אוּן צוּגְרֵייטוּנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה, גֵייט זֵיי אַריין אִין דִי בֵּיינֶער אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ טוּן אַלֶע מִצְווֹת. טְרַאכְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט צֵייט זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, נָאר יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, וֶוען זֵיי ווִילְן נָאךְ מִיט הַאלְטְן - אִיז דִי צַייט זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין.

אַז דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיָין זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם דַיָין וֶועם דוּ נִיצְט אַ גַאנְץ יָאר אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט אִים צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס לִכְבוֹד יוֹם טוֹב; מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַז אַ דַיָין אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְץ יָאר שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס. עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אִין אַלֶע זַיינֶע צֵייטְן וְכוּ'; יֶעדֶער טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ מוּז שְׁטֶערְן דֶעם דַיָין אִינְמִיטְן עֶסְן, אִיךְ מוּז אוֹיפְוֶועקְן דֶעם דַיָין אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ'', אַלֶע ווִילְן נָאר אֵיין מִינוּט. אִיךְ גֶעדֶענְק אַלְץ קִינְד בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ אִים פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת; עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן נַאכְטְמָאל, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט הָאט מֶען גֶעקְלַאפְּט אִין טִיר: "דֶער דַיָין אִיז דָא?" מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיס רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכַאמָאל עֶסְן קְלַאפְּט נָאךְ אֵיינֶער: "דֶער דַיָין אִיז דָא?" אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי יֶעדֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, שְׁטֶענְדִיג זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת. אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער דַיָין קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען, הָאט יֶענֶער זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אַ פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ שְׁאֵלָה", וֶוען דֶער דַיָין הֶערְט דָאס קֶען עֶר נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, גֵייט עֶר נָאכַאמָאל אַרוֹיס רֶעדְן. דֶערְפַאר אִיז זַייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן אַרוֹיס ווַייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב.

אוֹיךְ וֶוען דוּ גַייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער צוּ דַיין וַוייבּ׳ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד: "וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶנְק מְבַזֶּה, זָאל עֶס עֶנְק נִישְׁט וֵויי טוּן וַוייל דָאס אִיז זַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אוּן וֶוען מֶען בַּאדַאנְקְט עֶנְק הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט מִיט עֶנְק, וַוייל דָאס וַוייזְט אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען וואוּילֶע זִיסֶע מֶענְטְשְׁן"; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטְס.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה וָואס אִיז דָא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַכִּיר טוֹבָה פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג אִים צוּ הֶעלְפְן אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פַארְקוֹיפְן דַיין חָמֵץ בַּיי דֶעם דַיָּין וָואס פְּסַק׳נְט דִיר אַ גַאנְץ יָאר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים אוּן פוּן אִים מִיט דֶעם פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): רָבָא זָאגְט: "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֵיידִימֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וַוייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן עֶר רֶעדְט שֵׁיין פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן דִי טֶעכְטֶער וֶועלְן אוֹיךְ וֶועלְן מֶענֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָבֶּער אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וָואס קֶען מֶען נָאךְ עֶרְוַוארְטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן...

נֶעם מִיט דַיין בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר וֶוען דוּ גַייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ; זָאל עֶר זֶען וִוי מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ אוּן מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיָּין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳. אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיין טַאטֶע הָאט מִיר מִיט גֶענוּמֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת דֶעם דֶעבְּרֶעצִינֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַזוֹי אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין זִכָּרוֹן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן פוּן אַלְץ קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער עִיקָר - זִיךְ צוּ פְרַייעֶן מִיט מִצְוֹות בִּתְמִימוּת וּבִפְשׁוּטוֹת; מַאכְן אַ סִיּוּם מַסֶכְתָּא עֶרֶב פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ, י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּיל אִיז אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; פַּארְגֶעס נִישְׁט פוּנֶעם עִיקָר - זִיךְ צוּ פְרַייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות בִּתְמִימוּת וּבִפְשׁוּטוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקַייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קֵיין חָכְמוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות; נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי שִׂמְחָה, זִיךְ פְרַייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קֵיין שׁוּם מִצְוָה.

לֵייג נִישְׁט אַרַיין דַיין גַאנְצֶע מֹחַ צוּ זוּכְן נָאךְ אַ חוּמְרָא אוּן נָאךְ אַ חוּמְרָא, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן חוּמְרוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשׁוּטוֹת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקַייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשׁוּטוֹת, מֶען זָאל זִיךְ פְרַייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹות"; עַיֵּין שָׁם.

אֲפִילוּ אוֹיף פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אַלֶע חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע
~~~~~~~~~~~

וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קֵיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר אַ גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען דֶערְצוּ קֵיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ, בִּיז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוָואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוָואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קֵיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין קְוָואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוָואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קֵיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וַוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרַיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

זֶע צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן פַאסְטְן; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן עֶרֶב פֶּסַח נָאכְן דַאוֶונֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן אַדוּרְךְ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תָּמִיד, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּכוֹר. מַסֶכֶת תָּמִיד אִיז אַ קְלֵיינֶע מַסֶכְתָּא, אַ שֵׁיינֶע מַסֶכְתָּא אוּן אַ גְרִינְגֶע מַסֶכְתָּא.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין זָאלְסְטוּ זָאגְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער: "כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי". דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס אוֹיךְ זָאגְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, טַייטְשׁ דָאס אִיבֶּער אוֹיף אִידִישׁ: "אַלֶע חָמֵץ אוּן אַלֶע זוֹיעֶרְטֵייג וָואס אִיז דָא אִין מַיין רְשׁוּת, וְכוּ'"; נָאכְדֶעם זָאג דִי תְּפִילָּה וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִינֶעם הַגָּדָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ דִי תְּפִילָּה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילְן פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דֶעם פֶּסַח פוּן דֶעם אִיסוּר חָמֵץ. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ וִויל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ וִויל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן פַאר דִיר מִיט אַן אֱמֶת".

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בְּדִיקַת חָמֵץ הָאט מֶען שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הֵייבְּט זִיךְ אָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**מִיר דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת פוּן פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ, ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה; עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז אַ צַייט וָואס מֶען אִיז זַייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי לֶעצְטֶע צוּגְרֵייטוּנְגֶען, דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן זוּכְט צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד לְבָבוֹת אִין שְׁטוּב צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מִיר גֵייעֶן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח אוּן מִיר גֵייעֶן עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת. יֶעצְט פֶּסַח וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן דָאס גֶעבְּן מִיר אִיבֶּער פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת לֵיל הַסֵּדֶר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּ אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן.

מִיר דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דָאס וֶועט אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ יָאר. אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): ״הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ בְּפֶסַח, מֻבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא יֶחְטָא כָּל הַשָּׁנָה״, וֶוער עֶס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מַצָּה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״, מֶען גֶעדֶענְקְט אַ גַאנְץ יָאר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ - דִי שִׂמְחָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִינְדִיגְן.

דֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת פְּסָחִים; מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תעז, סְעִיף קָטָן א): ״אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מַצוֹת, זֵיי פְלֶעגְן קִישְׁן דִי מַצוֹת מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה״; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אַז אִיר וִוילְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע אֵייעֶר פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת אִיר עֶסְט דִי מַצָּה אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רְפוּאָה. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.) אַז מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: ״מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא״, אַז עֶסְן
~~~~~~~~~~

פון אֱמוּנָה; וַוייל דורךְ מַצָּה וֶוערט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. ווִידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אַן: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָתָא", אַן עֶסְן פון רְפוּאָה; אַז מַצָּה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז עֶס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**סֵדֶר הַיּוֹם פַאר עֶרֶב פֶּסַח; זָאגְן דִי הַגָּדָה מִיט שִׂמְחָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ו' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', עֶרֶב פֶּסַח, י"ד נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט יֶעצְט פון שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, דָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער ווִי זִיךְ צוּ פִירְן הַיינְט, אַ סֵדֶר הַיּוֹם פַאר עֶרֶב פֶּסַח.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לוֹיף דַאוֶוענֶען; בִּיז 10:15 קֶענְסְטוּ נָאךְ עֶסְן חָמֵץ נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ, עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע תְּפִילָּה וָואס מֶען בֶּעט בִּשְׁעַת שְׂרֵיפַת חָמֵץ; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג, מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס מַאכְט אוּנְז מְשׁוּגָע אוּן פַארְדְרֵיידְט אוּנְז דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּרִיוו פון רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מֵאַסְטְרָאפָּאלְיָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח; צוּם סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם בְּרִיוו עֶרֶב פֶּסַח: "מֻבְטָח לוֹ שֶׁיִּנָּצֵל בְּאוֹתָהּ שָׁנָה מִכָּל מִכְשׁוֹל וּמִמִּיתָה מְשֻׁנָּה, וְשׁוּם אָדָם לֹא
~~~~~~~~~~

יִמְשֹׁל בּוֹ, וְכָל אוֹיְבָיו יִפְּלוּ תַּחְתָּיו, וּבְכָל אֲשֶׁר יִפְנֶה יַצְלִיחַ וּבְכָל עֲסָקָיו יַרְוִיחַ״, דֶער וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים (דוּ קֶענְסְט זֶען דֶעם בְּרִיווּ אִין הַגָּדַת ׳אוֹר זָרוּעַ׳).

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרֶעפְן זִיךְ אִינֶעם בְּרִיווּ וֶוען עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן אֲרִיזַ״ל דֶעם סוֹד אִינֶעם וָוארְט ׳אֲשֶׁר׳, ״וּכְמִנְיַן אֲשֶׁר, וְזֶהוּ סוֹד כַּוָּנַת הַכָּתוּב בְּסֵדֶר בֹּא: ״וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם״, אֲשֶׁר דַּיְקָא, שֶׁהוּא כְּמִסְפַּר תק״א, וְכַיּוֹצֵא בּוֹ הַרְבֵּה פְּסוּקִים אֶלֶף, שֶׁמּוֹרִים עַל זֶה לְסוֹד אֲשֶׁר, כְּמִנְיַן רָאשֵׁי תֵיבוֹת שֶׁל עֶשֶׂר מַכּוֹת כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ, וְיֵשׁ לָנוּ בָּזֶה סוֹדוֹת נִפְלָאִים. וּכְבוֹד אֱלֹהִים הַסְתֵּר דָּבָר״, מִיר וֵוייסְן וָואס דֶער סוֹד פוּן ׳אֲשֶׁר׳ אִיז, וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם ׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳ וָואס אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא אָפֶענְקֵייט אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זָאגְן דִי הַגָּדָה מִיט שִׂמְחָה; אֲפִילוּ דוּ פְּרַאוֶועסְט נִישְׁט אַלֵיינְס דֶעם סֵדֶר, דוּ בִּיסְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער בַּיי דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן אוּן זַאכְן בַּאדֶערְן דִיר וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אַן עַצְבוּת רַחְמָנָא לִצְלָן, נָאר הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, ווַייל דֶער וָואס זָאגְט דִי הַגָּדָה אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אִין עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי ווִי עֶס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (שָׁם): ״כָּל בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתָּעֵי בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, וּבְהַהוּא סִפּוּר חַדֵּי בְּחֶדְוָה, זַמִּין אִיהוּ לְמֶחְדֵי בִּשְׁכִינְתָּא לְעָלְמָא דְּאָתֵי״, וֶוער עֶס זָאגְט דִי הַגָּדָה, עֶר פַארְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּן בְּשָׁעַת עֶר פַארְצֵיילְט דִי הַגָּדָה פְרֵיידְט עֶר זִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין זִיךְ מִיט צוּ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ״דְּהוּא חֵדוּ מִכֹּלָּא״, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְרֵייד וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; זַיי גְרֵייט אַז דֶער שָׂטָן וֶועט טוּן אַלֶעס דִיר אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דַיין שִׂמְחָה זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיים סֵדֶר נַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

אַ כָּשֵׁר׳ן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וועלְכֶע מַסֶכְתָּא זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווִישְׁן פֶּסַח און שָׁבוּעוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶער בְּרִיוו [דער בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו] וָואס אֵיינֶער פְרֶעגְט ווי אַזוֹי מְ'קֶען וֶוערְן קְלוּג דוּרְכְ'ן בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זָאגְן אַז אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאבּ אַמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי דִי וֶוערְטֶער קְלֶעבְּן אֵיינְס צוּם צְווֵייטְן, וואוּ ס'הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי קַשְׁיָא און וואוּ ס'עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער תֵּירוּץ, אָבֶּער אִין זְכוּת פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן זָאגְן תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דוּרְכְגֶעזָאגְט כִּמְעַט הַאלְבּ שַׁ"ס אִין בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, און הַיינְט צוּ טָאגְס לֶערְן אִיךְ שׁוֹין פָאר אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא.

בֶּאֱמֶת אִיז נָאר דָא אֵיין מֶענְטְשׁ בַּיי מַיין שִׁיעוּר, דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין... אָבֶּער אִיךְ קֶען בָּ"ה זֶעצְן דִי גְמָרָא ווִי אַ מַגִיד שִׁיעוּר, און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ לֶערְן. פַאר פּוּרִים הָאבּ אִיךְ גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ מַסֶכֶת מְגִילָה, און יֶעצְט פַאר פֶּסַח לֶערְן אִיךְ מַסֶכֶת פְּסָחִים, פִיר בְּלַאט אַ טָאג, און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס אִיךְ לֶערְן, בְּלוֹיז צוּלִיבּ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַסַאךְ גְמָרָא.

און אוֹיסֶער דֶעם הָאט דָאס לֶערְנֶען מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נַייֶע חֵשֶׁק און מוּט אִין לֶעבְּן, ס'הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלָארֶע קָאפּ און שֵׂכֶל, און ס'הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת פְּסָחִים אוֹיף פֶּסַח אִי"ה, וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְווִישְׁן פֶּסַח און שָׁבוּעוֹת, און וָואס זָאל אִיךְ לֶערְנֶען נָאךְ שָׁבוּעוֹת?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד׳ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) ; אַ שָׁאד צוּ טַעֲנֶה׳ן אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וֶוען אִין דִי צַייט וָואס מֶען טַעֲנֶה׳ט זִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אוּן נָאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר לֵצִים.

מוֹהַרְאַ״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ׳ן דֶעם פָּסוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב) : ״אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ״, אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, ״וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא״, אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ פוּן דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת ; וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד מַאכְט עֶר נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. וַוייל וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם אוּן דֶער מַלְאָךְ וֶועט אִים פְרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל : ״עֲרַךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ״ ; ״עֲרֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ״, וֶועט עֶר נֶעבֶּעךְ בְּלַייבְּן מִיט אַן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְטְן צִינְג, ווִידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט יָא גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, בַּיי אִים וֶועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה) : ״וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן״, עֶר וֶועט לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג.

בְּנוֹגֵעַ וָואס פַאר אַ מַסֶכְתָּא צוּ לֶערְנֶען צְווִישְׁן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת ? מוֹהַרְאַ״שׁ זָאגְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען מַסֶּכֶת סוֹטָה אוּן מַסֶּכֶת שָׁבוּעוֹת וַוייל בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְּן נַיין אוּן פֶערְצִיג בְּלֶעטֶער אַנְקֶעגְן דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג פוּן סְפִירָה ; יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אֵיין דַף גְּמָרָא פוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת אוּן בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת הָאבְּן אַ קֶשֶׁר צוּ דִי סְפִירָה טֶעג. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, צז.) רוּפְט אָן דִי טֶעג פוּן סְפִירָה ״טֶעג וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל צֵיילְט זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן צוּ מַתַּן תּוֹרָה אַזוֹי ווִי אַ אִשָּׁה אִיז זִיךְ מְטַהֵר לְבַעֲלָהּ״ אוּן אַז אִין דִי טֶעג ״אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בּוֹדֵק דִי אִידְן אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בּוֹדֵק אַ סוֹטָה פַאר אִיר מַאן צוּ זִי אִיז בַּאגְלֵייבְּט וְכוּ׳״, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מַסֶּכֶת שָׁבוּעוֹת אַ שַׁיְּיכוּת צוּ דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וַוייל מִיר צֵיילְן דִי טֶעג צוּ מַתַּן תּוֹרָה וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּן בַּארְג סִינַי וָואס דָארְט הָאט מֶען בַּאשְׁוואוּירְן דִי אִידְן מִיט שָׁבוּעוֹת וְכוּ׳.

מוֹהַרְאַ״שׁ אַלֵיינְס פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, צוּ לֶערְנֶען אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה בֵּיידֶע מַסֶכְתּוֹת - סוֹטָה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אַסַאךְ צַדִּיקִים.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוּן נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּנְדִיג פוּן דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּנֶעם ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד״, וַוייל : ״לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט״ ; וֶוער לַאכְט בֶּאֱמֶת ? דֶער

וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר לַאכְט אָפּ דֶערְפוּן אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן וֶוער עֶס קֶען לַאכְן, וֶוען מֶען וֶועט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִּילְט מִיט תּוֹרָה - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵּם גֶעוֶועזְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּיקּוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי יֶענֶעם וֶועט נֶעבֶּעךְ מְקוּיָּם וֶוערְן (רוּת א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן, וָואס דַאן קְלָאגְט דִי נְשָׁמָה: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה, אָבֶּער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

[דער בריוו צו וועלבע דער אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

**ווי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן קְלוּג פוּן גְמָרָא, אוֹיבּ זָאגְט מֶען בְּלוֹיז?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער ווִי אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ דִי בָּחוּרִים וֶועגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ גְלֵייבּ בָּ"ה אִין צַדִיקִים, אִיךְ גְלֵייבּ אִין מוֹהַרְאַ"שׁ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

יֶעדֶער ווֵייסְט אַז לֶערְנֶען גְמָרָא מַאכְט קְלוּג, אַזוֹי ווַייט אַז מְ'זָאגְט אַז אֲפִילוּ גוֹיִם אִין צָפוֹן קָארֶעאָ לֶערְנֶען גְמָרָא זִיךְ אוֹיסְצוּשַׁארְפְן דִי קֶעפּ, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַז קֶען מֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס מַאכְן קְלוּג? אַז מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן מְ'מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא, ווִי אַזוֹי וֶוערְט דֶער קָאפּ אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט פוּן דֶעם?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט ח"ו אָפּצוּפְרֶעגְן, נָאר אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~

בְּנוֹגֵעַ דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) ; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם אִין וִויכּוּחִים ; בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב) : "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא" ; וֶוען אֵיינֶער אִיז קְלוּג, עֶר נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים - טוּט עֶר קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבָה, עֶר טוּט נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אַ טוֹבָה, אוּן וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, מַאכְט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לֵיצָנוּת.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין ; חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו) : "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ׳וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה׳", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן ; אַנְשְׁטָאט זָאגְן : "וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר : "וְאָיַבְתָּ אֵת", מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד) : "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן ; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן - דָאךְ הָאט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ ; אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

קוּק וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:) : "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, "לָעֵי בָּהּ", מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ, "וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע", אוּן לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", גֵייט יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט דָאס אַיין אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט אָן ׳עֲרָבוֹת׳, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט) : בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד" ; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיּוּת׳דִיג זַאךְ אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט וְכוּ׳ פוּן גּוֹיִם וְכוּ׳ ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קי) אוֹיפְן פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח) : "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ", - "כִּי הַתּוֹרָה הִיא רוּחָנִיּוּת", דִי תּוֹרָה אִיז אַ רוּחְנִיּוּת׳דִיגֶע זַאךְ, "וַאֲשֶׁר זַךְ וְיָשָׁר פָּעֳלוֹ, וְשִׂכְלוֹ רוּחָנִי יָכוֹל לִתְפֹּס כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וְלֹא יִשְׁכַּח דָּבָר", וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג דֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה אוּן וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן, "כִּי דָּבָר רוּחָנִי אֵינוֹ תּוֹפֵס מָקוֹם, וִיכוֹלָה הַתּוֹרָה לְהִתְפַּשֵּׁט וְלִשְׁכֹּן בְּשִׂכְלוֹ", ווייל אַ רוּחְנִיּוּת׳דִיגֶע זַאךְ פַארְנֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, עֶס קֶען זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן אָן קַיין שִׁיעוּר, "אַךְ מִי שֶׁהוּא מְגֻשָּׁם דִּבְרֵי הַתּוֹרָה וְעוֹשֶׂה מִמֶּנָּה מַמָּשׁוּת, אֲזַי יֵשׁ לָהּ שִׁעוּר וְקִצְבָה כַּמָּה הוּא יָכוֹל לִתְפֹּס בְּשִׂכְלוֹ וְלֹא יוֹתֵר", וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף דִי תּוֹרָה

ווי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תּוֹרָה נָאר ווִיפִיל עֶס גֵייט אַריין אִין זַיין מֹחַ. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק: "לֹא יָמוּשׁ סֵפֶר הַתּוֹרָה", מִיטְן פָּסוּק (שְׁמוֹת י, כא): "וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ", אַז יָמוּשׁ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מַמָּשׁוּת, דָאס וָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה: "הִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִּהְיֶה מַמָּשׁוּת וְגַשְׁמִיּוּת בְּדִבְרֵי הַתּוֹרָה", מַאךְ נִישְׁט קַיין גַשְׁמִיּוּת פוּן דִי תּוֹרָה, נָאר קוּק אוֹיף דִי תּוֹרָה ווִי אַ זַאךְ וָואס אִיז רוּחְנִיּוּת וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

[~~~~~~~~~~

## מֶעג אִיךְ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִזּוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר מְחַזֵּק צוּ זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ..., אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ רְשׁוּת דָאס צוּ טוּן, צוּ עֶפֶענֶען אַ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ פְרֶעגְסְט מִיר רְשׁוּת אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִין ... יצ"ו.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין סַךְ הַכֹּל אַ גַאסְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַ מַתְּנַת חִינָם אוּן מִיר מְקָרֵב גֶעוֶועזְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַנַ"ת זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר גֶעטוֹישְׁט; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אוּן דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א): "וָואס אִיז דָאס 'אֲנִי' - אִיךְ ווֵייס? זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?!" עֶנְטְפֶערְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְווֵייטְן ווִי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲפִילוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְווֵייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר

זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", אִיךְ ווֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, "אֲנִי יָדַעְתִּי דַיְקָא", אִיךְ פַאר מִיר ווֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, עֶר פִירְט דִי ווֶעלְט אוּן הֶערְט מִיר אוֹיס ווֶען אִיךְ רֶעד צוּ אִים. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ" - כָּל חַד, לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין ווֶעג ווִי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער וָואס גֶעבְּט רְשׁוּת צִי מֶען קֶען עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'; ווֶען אִיךְ קֶען ווֶען אָפְּלָאזְן מַיין אַמְט פוּן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִיצְן אִין דִי זַייט וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעטוּן. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר ווֶען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט, עֶס הָאט מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט קַיין שׁוּם נַייעֶס - אֲפִילוּ פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ בִּין בְּלוֹיז גֶעקוּמֶען הֶערְן דִי חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶע יָארְן וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה אוּן גֶעבְּן דְרָשׁוֹת וְכוּ' וְכוּ' טוּ אִיךְ דָאס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

שְׁפֶּעטֶער ווֶען מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֵדֶר, אוּן אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען אַ מֵיידֶל סְקוּל. עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג דָאס צוּ פִירְן, אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֶעל אִיךְ דָאס עֶנְדִיגְן אוּן פַארְגְרֶעסֶערְן מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ: 'הַלְוַאי ווֶען אִיךְ קֶען ווֶען זִיצְן פַאר מִיר אַזוֹי ווִי אַמָאל אִין מַיין ווִינְקֶעלֶע לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וְכוּ''; אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען אַלֶעס אַוֶועק לֵייגְן צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן ה'.

הֶער אוֹיס דִי דְרָשׁוֹת פוּן סַאטְמַאר'עֶר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּרִים (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, פּוּרִים); דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טְרִינְקֶען זִיבְּן כּוֹסוֹת ווַיין אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעווֵיינְט וְכוּ', עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ בִּין אַזוֹי מְקַנֵּא אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן צוּפְרִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז אוֹיף מִיר נִגְזָר גֶעוָוארְן צוּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט'ן רַבִּים, אָבֶּער אַז דָאס אִיז דִי רָצוֹן ה' ווֶעל אִיךְ דָאס טוּן וְכוּ'".

אַז דוּ ווִילְסְט עֶפֶּעֶנֶען אַ שׁוּל בַּיי דִיר אוּן שְׁטוּב דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קַיין רְשׁוּת, נִישְׁט פוּן מִיר אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם וְכוּ׳, דוּ דַארְפְסְט נָאר אֵיין זַאךְ זֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, מֶען זָאל רֶעדְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ נָאר דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ - אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. לֵיידֶער פַארְדְרֵייט מֶען דֶעם קָאפּ אִין בְּרֶסְלֶב מִיט הֶבֶל הֲבָלִים, שִׂיחוֹת פוּן דֶעם זָקֵן, אוּן פוּן דֶעם נַאר; שִׂיחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן. בִּפְרָט לֶעצְטְנְס אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, דֶער שְׁרֵייט אוֹיף דֶעם: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרֶסְלֶב", אוּן דֶער שְׁרֵייט אוֹיף יֶענֶעם: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט דִי עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב", בְּשָׁעַת וֶוען מִיר זֶענֶען אַלֶע דָא נָאר גֶעסְט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר אַלֶע אַהֵיים; ווִי אִיז דָא צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אַ צְווֵייטְן? ווִי אִיז דָא צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְווֵייטְן?!

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַלֶע שְׁרֵייעֶן ׳מִיר זֶענֶען דִי אֱמֶת אוּן יֶענֶער אִיז דֶער שֶׁקֶר׳, וֶוער אִיז טַאקֶע אֱמֶת?" זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז "אֱמֶת" אִיז "אֱ-מֶת" - אֶהְיֶ׳ מֵת, אִיךְ גֵיי אֵיין טָאג זַיין אַ מֵת, אַ גוֹסֵס אוּן עֶס וֶועט פוּן מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִילָה וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס בִּיסְל חֶסֶד וָואס אִיךְ טוּ יֶעדְן טָאג; אַלֶע וֶועלְן מִיר דַארְפְן לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְווֵיי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְּקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת", ווַייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, "אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, ווַייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט׳, "אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין אַרְבֶּעט מִיטְן בּוֹיעֶן אַ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ און מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**ווי מֶער אִיךְ קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶר דַארְף מִיר נִישְׁט**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָּבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידט צוּ הֶערְן בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דארְף אִים נִישְׁט, ווייל אִיךְ הָאב אַלְץ גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר בַּיי מִיר אַזוֹי, און יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

בַּיי מִיר גֵייט עֶס אָבֶער נָאךְ ווייטֶער, דִי גֶעפִיל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דארְף מִיר נִישְׁט, מַאכְט מִיר אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן שְׁוַואכֶער אִין לֶערְנֶען, אִין דַאוֶוענֶען, און נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן רַחְמָנָא לִיצְלָן.

וויל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב דָאס אִיז אוֹיךְ אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער אִיךְ בִּין דֶער פְּרָאבְּלֶעם? און וָואס אִיז דִי עֵצָה דֶערְצוּ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תָּהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, פַארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און וַוארְט יֶעדֶע רֶגַע דוּ זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "בַחוּץ לֹא יָלִין גֵר"; "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, "אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם; "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, "וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", און וֶוער עֶס ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז
~~~~~~~~~~

זַייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיים ס"מ רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אוּן עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זַייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט - דָאס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר. עֶר שְׁפִּילְט מִיט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ דֶעם זֶעלְבְּן שְׁפִּיל; קוֹדֶם וַוארְפְּט עֶר אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין אִים אַ סַם הַמָּוֶת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הֵייבְּט אָן דִמְיוֹנֶ'ען אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ חַס וְשָׁלוֹם.

אַז דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ: 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל פַארְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, וואו דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְּט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז ווִיפִיל מָאל מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין גוּט פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין בְּלָאטֶע, אוּן דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט וְכוּ'.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְט אַהִין גֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אוּן ווִי עֶר וַוארְפְּט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט. אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת אַז 'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער', אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אַז דָאס אַלֵיינְס מַאכְט מִיר אִיךְ זָאל נָאךְ מֶער אַרָאפּ פַאלְן, אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ בִּיז אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶועט מִיר! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף

מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס אוּן שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן?! אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוֹת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר; מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען צוּ דִיר גֶעוָואנְדְן: הִנֵּה כְּעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד אֲדוֹנֵיהֶם, כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל יַד גְּבִרְתָּהּ - כֵּן עֵינֵינוּ אֶל ה׳ אֱלֹקֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי שֶׁעמְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מְ'דַארְף זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט. זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט דָאךְ אַז אִיךְ בִּין וֶוער וֵוייסְט וָואס, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר מִיר גֶעכַאפְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה, וֶוער אִיךְ פַארְשֶׁעמְט; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר בַּאגְלֵייט מִיר בַּיי טְרִיט אוּן שְׁרִיט, עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס כְ'הָאבּ גֶעטוּן, גֶערֶעדְט, אוּן גֶעטְרַאכְט מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט מִיר פְּלוּצְלִינְג גֶעכַאפְּט בַּיי עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, מְמֵילָא וָואס אִיז שַׁיְיךְ זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן. יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַאר דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת כח:): "רַבִּי, בָּרְכֵנוּ", דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז בֶּענְטְשְׁן פַאר עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי
~~~~~~~~~~

יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע בְּרָכָה: "יְהִי רָצוֹן שֶׁתְּהֵא מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם כְּמוֹרָא בָּשָׂר וָדָם", אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, עַד כַּאן?" דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא קְלֵיינֶע בְּרָכָה, מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם אוּן נִישְׁט מֶער? "אָמַר לָהֶם, וּלְוַאי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַלְוַאי זָאלְט אִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּן אַן עֲבֵירָה זָארְגְט עֶר זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר טוּט, עֶר פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס אוּן אַלֶע שְׁפַּאלְטֶעֶנס אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפוּנֶען וָואס עֶר טוּט, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט: 'גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, עֶר זֶעט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פז, ה) אַז וֶוען אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט יוֹסֵף הַצַּדִּיק צוּ טוּן מִיט אִים אַן עֲבֵירָה, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק דְרֵיידְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס פוּן אִיר אוּן עֶר וִויל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה, הָאט זִי אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז זִי גֵייט צוּדֶעקְן אַלֶע פִּיקְטְשֶׁערְס פוּן דִי וֶוענְט אוּן אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט לַיילֶעכֶער אוֹיף אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס אוּן אוֹיף אַלֶע פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶעט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס מִיר טוּעֶן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ מִיר צוּ הֶערְן", הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דַיינֶע גֶעטְשְׁקֶעס קֶענְסְטוּ צוּדֶעקְן, דִי אַלֶע בִּילְדֶער קֶענְסְטוּ פַארְדֶעקְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס, פוּן אִים קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן".

זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא – דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח', אוֹת ח): "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוען מֶען קֶען נָאר דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי אֱמוּנָה בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא", דֶעמָאלְט פִּירְט מֶען זִיךְ אוֹיף אֵיידֶל אוּן מֶען רֶעדְט אֵיידֶל, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד", אִיךְ לֶעבּ שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער שֻׁלְחָן

עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף א): "שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד" - הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלוֹת הַצַּדִּיקִים הַהוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹקִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי שֵׁמוֹת בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה לְהָאֲרִיזַ"ל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה יֶעדֶע נַאכְט, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּנֶעם אֲרִיזַ"ל, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מְ'זָאגְט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס שְׁטֵייט דָארְט, אַרוֹיסְזָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת יוד הֵא? אָדֶער מִיט אַ ק', יוד קֵיי? אָדֶער סְתָּם קוּקְן דֶערוֹיף אוּן עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן? אָדֶער זָאגְן שֵׁם אקיה, אדנע, הויה, אוּן דָאס גְלַייכְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תָּהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דִי שֵׁמוֹת, צִי מֶען זָאגְט דָאס וְכוּ'; מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי שֵׁמוֹת, דָאס אִיז מֶען מְכַוֵּון. ווִי לְמָשָׁל בַּיים אָנְהֵייבּ פוּן ווִידוּי: "וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תָּשׁוּב וּתְיַחֵד שְׁלֹשָׁה אוֹתִיּוֹת רִאשׁוֹנוֹת שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁמוֹתֶיךָ הַיְקָרִים..." - דָאס זָאגְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס נָאר מֶען טְרַאכְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי אוֹתִיּוֹת, "יהו"ה א'הי"ה א'דנ"י (יא"א), "וְשֵׁם קָדְשְׁךָ בְּמִלּוּי אַרְבַּע יוּדִי"ן שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא ע"ב"" - דָאס זָאגְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר מֶען אִיז מְכַוֵּון דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען וָואס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג
~~~~~~~~~~~

אוֹיבּ מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם אוֹיפְן: "כָּזֶה (יו"ד ה"י וי"ו ה"י), וְיָאִיר בִּרְצוֹנְךָ בְּעוֹלָם הָאֲצִילוּת וְאַל יְהֵא מוֹנֵעַ".

נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען אוּן מֶען מוּז אַלֶעמָאל רֶעדְן; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ שְׁלָאפְסְט אַיין, וֶועט דֶער שְׁלָאף זַיין אַן אַנְדֶערֶע שְׁלָאף, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁלָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~

### וֶוען דַארְף מֶען זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶוען נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן דִי גְּדָרִים פוּן דִי מִצְוָה פוּן "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", וָואס דָאס מֵיינְט לְכְאוֹרָה אַז מְ'דַארְף זָאגְן מוּסָר פַאר אַ חַבֵר, אָבֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָאךְ אַלְץ אַז מְ'זָאל לֶעבְּן נָאר פַאר זִיךְ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז): "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", מֶען דַארְף מוּסָר'ן אַ חַבֵר. אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר אוּן פוּן אָנְנֶעמֶען מוּסָר (תָּמִיד כח.): "אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם", וָואס פַאר אַ וֶועג זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ? "יֶאֱהַב אֶת הַתּוֹכָחוֹת", עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן מוּסָר, "שֶׁכָּל זְמַן שֶׁתּוֹכָחוֹת בָּעוֹלָם, נַחַת רוּחַ בָּעוֹלָם", וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן מוּסָר אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אָן אִיז דָא פְרִידְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "טוֹבָה וּבְרָכָה בָּאִין לָעוֹלָם", אַז מֶען נֶעמְט אָן מוּסָר אִיז דָא אַלֶעס גוּטְס אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְרָעָה מִסְתַּלֶּקֶת מֵהָעוֹלָם", דוּרְךְ מוּסָר גֵייט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי וֶועלְט. "וְכָל הַמּוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹכֶה לְחֶלְקוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אוּן וֶוער עֶס מוּסָר'ט אַ חַבֵר לְשֵׁם
~~~~~~~~~~

שָׁמַיִם אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמּוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד", אוּן דוּרְךְ זָאגְן מוּסָר בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר אוּן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אָן מוּסָר.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח) אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֶעבְּן מוּסָר, נָאר דֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן מוּסָר, מוּסָר וָואס וֶועט מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אִים דֶערְוַוייטֶערְן, וַוייל אוֹיב מֶען זָאגְט מוּסָר שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר צוּ טְשֶׁעפֶּען - מַאכְט מֶען עֶרְגֶער מִיט דִי מוּסָר, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ מִיט דִי מוּסָר. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ מָשָׁל צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אַ כְּלִי פוּן צוֹאָה וְכוּ׳ אוֹיב קוּמְט אֵיינֶער אוּן הֵייבְּט אָן מִישְׁן דִי צוֹאָה מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, עֶר אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ אוּן טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער קֶען נִישְׁט מוּסָר׳ן אַזַא סָארְט מוּסָר וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶר מַאכְט נָאר עֶס זָאל וֶוערְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל אוּן זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט (שַׁבָּת פח:): "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען גֶעבְּן מוּסָר, אַז מֶען וַוייזְט פַארְן מֶענְטְשׁ דָאס לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאךְ אַלְץ צוּ אִים אוּן וַוארְפְט אִים נִישְׁט אַוֶועק אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען זָאגְן מוּסָר. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי אִידְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַ לִיבְשַׁאפְט.

דֶערְפַאר אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה דָאס וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט, וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע דָא דִי מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן אַז עֶס זָאל יֶענֶעם מְקָרֵב זַיין אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְרַחֵק זַיין. אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ, הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ" מֶען טָאר נִישְׁט מוּסָר׳ן דֶעם מֶענְטְשׁ בְּלָשׁוֹן: "דוּ לֵץ וָואס דוּ בִּיסְט", וַוייל דָאס וֶועט אִים מַאכְן עֶר זָאל דִיר פַיינְט הָאבְּן, מֶען דַארְף מוּסָר׳ן דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכְ׳ן אִים זָאגְן: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, דִיר פַּאסְט נִישְׁט צוּ טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר דִיר לִיב הָאבְּן. דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: "אַל תּוֹכַח", זָאג אִים נִישְׁט: "לֵץ!", וַוייל: "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", עֶר וֶועט דִיר פַיינְט בַּאקוּמֶען אוּן דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, נָאר וָואס דֶען? "הוֹכַח", זָאג אִים: "לְחָכָם", דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, פַאר דִיר פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ׳, "וְיֶאֱהָבֶךָּ", וֶועט עֶר דִיר לִיב הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## וָואס אִיז דִי יוֹשֶׁר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַאר אַ כַּלָּה טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שֶׁעפְּן אַסַאךְ חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

בִּיז עֶס אִיז אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען דִי שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי צִירוּנְגֶען פַאר אַ כַּלָּה, דָאס קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ זֵייגֶער פַאר אַייעֶר כַּלָּה פַאר בְּלוֹיז 195$, עֶס אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאב מוֹרָא אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף נִישְׁט אַ רִיכְטִיגְן אוֹפְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט; אַ מֵיידֶל הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אוּן זִי גֵייט אוּן זִי אִיז זִיךְ מְשַׁעְבֵּד צוּ אַ מַאן, זִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ הָאדֶעוֶוען קִינְדֶער, זִי אִיז מְוַותֵּר אוֹיף אִיר שְׁלָאף, אוֹיף אִיר הָאר, אוֹיף אִירֶע כּוֹחוֹת, אוּן אוֹיף אַלֶעס, אוּן זִי הָאט חֲתוּנָּה מִיט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סָפֵק אוֹיב עֶר וֶועט אִיר טַאקֶע מְכַבֵּד זַיין, רוֹב הַיינְטִיגֶע חֲתָנִים זֶענֶען נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע מֶענֶער, אוּן רוֹב חֲתָנִים שְׁטֵייעֶן נִידְרִיגֶער אִין יִרְאַת שָׁמַיִם וִוי דִי כַּלּוֹת.

אִיז דָא כָּאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס דִי כַּלָּה קֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן, כָּאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס זִי וֶוערְט בַּאצָאלְט, דָאס אִיז מִיט דִי טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, מִיט דֶעם קֶען זִי זַיין אַבִּיסְל פְרֵיילִיךְ; אוּן יֶעצְט גֵייט מֶען אוּן מֶען נֶעמְט דָאס אוֹיךְ צוּ פוּן אִיר?! סְתָּם חֲתוּנָּה הָאבְּן אוּמְזִיסְט, נִישְׁט בַּאקוּמֶען רֶעסְפֶּעקְט פוּנֶעם מַאן, אוּן זַיין אַ שִׁפְחָה בְּחִנָּם?!

אוּן בִּכְלָל אִיז דָאס נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ, אֶפְשָׁר זָאל דִי מַאמֶע אַלֵיין אוֹיפְנֵייעֶן דִי בֶּעקִיטְשֶׁעס אוּן קְלֵיידֶער פַאר'ן חָתָן, אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען צוּ בְּלוֹיז 195$? אֶפְשָׁר זָאל דֶער חָתָן קוֹיפְן דִי בִּילִיגֶע קַאפְּל-שְׁטְרַיימְל? אִין דִי תּוֹרָה זֶעט מֶען פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט אַז אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען פַאר רִבְקָה, אָבֶּער רִבְקָה הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן מַלְבּוּשִׁים פַאר'ן חָתָן.

בַּיי אַסַאךְ מוֹסְדוֹת רֶעדְט מֶען צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, אוּן אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג. עֶס אִיז טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע זַאךְ חֲתוּנָּה צוּ מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה צוּ צֶעקְוֶועטְשְׁן דִי וואוֹילֶע פְרוֹיעֶן בְּלוֹיז וַוייל עֶס אִיז יֶעצְט אִין סְטַייל צוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט בַּיי חֲתוּנוֹת.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, אוּן מַזָּל טוֹב צוּ דִי שִׂמְחָה, מִיט אַסַאךְ נַחַת דִקְדוּשָּׁה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן אַז מַיין זוּן - בְּנִי בְּכוֹרִי נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב מִיט אַ מֵיידְל אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.

אַסַאךְ יָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט כְּדֵי זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי חוּפָּה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֲרָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אַ כַּלָּה וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז חָשׁוּב אוּן גֶעעֶהֶערְט; אַ כַּלָּה וָואס וֵוייסְט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז אוּן וָואס וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן נִישְׁט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט, נָאר וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט: ״הַיִתָּכֵן מֶען זָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן פַאר דִי כַּלָּה נִישְׁט עֶכְטֶע צִירִינְגֶען וְכוּ׳״; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה - רוֹב פוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זֵייעֶר טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ שִׂמְחָה, אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן, קֶענֶען זֵיי זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט בֶּאֱמֶת פְרֵייעֶן וַוייל זֵיי דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט; בִּיז מֶען שַׁאפְט פוּן וואוּ צוּ בָּארְגְן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אוּן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער, וַוייל אִין דִי צַייט וָואס מֶען הֵייבְּט אָן בַּאצָאלְן קוּמְט אוּנְטֶער נָאךְ אַ קִינְד חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעהט אַז מֶענְטְשׁ הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן טוּן שִׁידוּכִים מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין צַייט, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בִּיז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעזוּנְט רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה זֶענֶען פַארְהַאן יוּנְגֶעלַייט וָואס מַאכְן חֲתוּנָה, זֵיי הַאלְטְן בַּיי זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי דֶערְטְרִינְקֶען זִיךְ שׁוֹין אִין חוֹבוֹת פוּן שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעוויזְן פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים ווִי גְלִיקְלִיךְ מֶען קֶען זַיין מִיט צִירוּנְגֶען וָואס קָאסְט בִּילִיג; בָּרוּךְ ה׳ אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אִיךְ וואוּנְטְשׁ פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלְן הָאבְּן אַזַא שָׁלוֹם בַּיִת ווִי בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט פָּשׁוּט׳ע צִירוּנְגֶען לוֹיט וִויפִיל מֶען פַארְמָאגְט

וֶועלְן די פְּרוּיעֶן נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין די וַוייבֶּער.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין מַתָּנוֹת פַאר די כַּלָּה אוּן קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן צִירוּנְגֶען, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס קָאסְט פַאר אַ מְחוּתָּן מַתָּנוֹת נָאר פַאר אֵיין קִינְד? אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט די בְּרֶעיסְלֶעט פוּן זֶעכְצְן הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער, נָאכְדֶעם די רִינְגְל פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלְלֶער, די זֵייגֶער צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלְלֶער, אוֹיעֶרִינְגְלֶעךְ צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלְלֶער, נָאכְדֶעם אַ פֶּערְל קֵייטְל פַאר אַכְט הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער, אוּן נָאךְ אַ צִירוּנְג, הַאלְט מֶען שׁוֹין כִּמְעַט בַּיי צֶען טוֹיזְנְט דָאלְלֶער; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, וֶוען דֶער מְחוּתָּן הָאט די גֶעלְט קֶען מֶען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אִיז דָאךְ אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען.

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף די מוֹסְדוֹת וָואס לֶערְנֶען אוֹיס די קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ פָּשׁוּטֶ'ע וֶועג פוּן לֶעבְּן; גֶעבֶּענְטְשׁ זָאלְן זַיין די מוֹסְדוֹת וָואס רֶעדְן צוּ מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ נֶעמֶען אַ פַאלְשֶׁע שְׁטֵיין וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֵבִין אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ עֶכְטֶע שְׁטֵיין בִּיז אַ פַאלְשֶׁע שְׁטֵיין, נָאר דֶער וָואס אַרְבֶּעט מִיט דֵיימַאנְטֶען וְכוּ'.

אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעגֶעבְּן צִירוּנְגֶען לוֹיט די פַארְמֶעגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען; מִיר טָארְן נִישְׁט גֵיין גַנְבְ'נֶען כְּדַאי צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם הָאט גֶעטוֹן, מִיר דַארְפְן קוּקְן וִויפִיל מִיר פַארְמָאגְן.

דָאס וָואס אִיר טַעֲנָה'ט אַז אַ פְרוֹי וֶוערְט נִישְׁט גֶעשֶׁעצְט אִין שְׁטוּבּ זָאל זִי כָּאטְשׁ הָאבְּן אִירֶע צִירוּנְגֶען וְכוּ'; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט. לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אוֹיבּ אַ פְרוֹי וֶוערְט דֶערְנִידֶערְט פוּן אִיר מַאן אוּן אִיר מַאן וֶועט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אִיר גֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וֶועט זִי צוּרִיק וַוארְפְן די מַתָּנָה אִין פָּנִים, זִי וֶועט עֶס נִישְׁט וֶועלְן אָנְטוּן; אִיז מִמָּה נַפְשָׁךְ פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, וַוייל אוֹיבּ אִיז די פְרוֹי די קֶענִיגְן אִין שְׁטוּבּ, דֶער מַאן רֶעדְט צוּ אִיר וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר הָאט סַבְלָנוּת אוּן עֶר וֵוייסְט אִירֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אוּן אִירֶע צַייטְן וְכוּ', אַזַא פְרוֹי אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פְרוֹי, זִי דַארְף נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען וָואס קוּמְט פוּן גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, פוּן בְּלוּטִיגֶע גֶעלְט, זִי פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער, וואוּדֶערְאוּם אִיז די פְרוֹי נִישְׁט חָשׁוּב, דֶער מַאן פִירְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט זִי נִישְׁט וֶוערְן צוּפְרִידְן פוּן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ מְבַזֶּה זַיין אוּן צֶעדְרוּקְן וואוּילֶע פְּרוּיעֶן; אִיךְ רֶעד זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבֶּער, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין חוֹבוֹת, זֵיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער אָן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט אָן בָּארְגְן גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

### אִיךְ בִּין אַסַאךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וָואס טוּ אִיךְ?

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן, שׁוֹין פוּן גָאר יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן גֶעזֶען דָארְט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ כָּל דָּבָר אָסוּר, אוּן זִיךְ אָנְגֶעקְנִיפְּט מִיט שֶׁעדְלִיכֶע עֶלֶעמֶענְטְן. זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן עֲלִיּוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין לֶערְנֶען אוּן גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ אוּן גֶעשְׁפִּירְט גוּט, ווִידֶער הָאבּ אִיךְ צַייטְן וָואס עֶס קוּמְט מִיר צוּרִיק אִין מֹחַ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ ווִיל נָאר זַיין שְׁלֶעכְט, אוּן אַלֶעס אַוֶועקְוַוארְפְן.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן. בְּאֶמֶת אִין הַארְץ וִויל אִיךְ זַיין וואוּיל אוּן טוּן דֶעם רְצוֹן ה', אָבֶּער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַסַאךְ מָאל שְׁטַארְקֶער ווִי מִיר. אִיךְ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ סִפּוּק אוּן טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

פָארְן קֵיין אוּמַאן, אָדֶער אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ עֵצוֹת, אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, וַוייל מַיין טַאטֶע וֶועט מִיר זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלַן, זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אוּן דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט):
~~~~~~~~~~~

"כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", װער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיין נְחָמָה הָאסְטוּ נָאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בִּפְרָט אוֹיף דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): אֱמֶת אַז אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת וַיְחִי, ריט:) אַז וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּפְגַם הַבְּרִית, רַחְמָנָא לִצְלָן, הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט "שֶׁבְּזֶה הַמַּאֲמָר זוֹהַר אֵין שׁוּם אָדָם מֵבִין הַפְּשָׁט, רַק הוּא לְבַד", אַז אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיינֶער פְּשַׁט, נָאר עֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁבֶּאֱמֶת מוֹעִיל תְּשׁוּבָה בְּוַדַּאי עַל חֵטְא זֶה, אֲפִילוּ אִם הִרְבָּה לִפְשֹׁעַ, חַס וְשָׁלוֹם" אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה.

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ? ! רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט דָאס (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ד, אוֹת ד): וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה? זָאגְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס אִיז וִוּיכְטִיג צוּ ווִיסְן אִין לֶעבְּן. אַז בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, נָאר וִויבַּאלְד דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, עֶר דַארְף הֶערְן וִוי מֶען זָאגְט אִים: "דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!" אוֹיבּ הָאט עֶר שֵׂכֶל אוּן עֶר זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל, צִי מֶען דַארְף מִיר יָא צִי מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן; אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל יָא וֶוערְן אַ צַדִּיק צִי נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל מִיר דַארְפְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוּטְשֶׁען", אַזַא אֵיינֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. אָבֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל נֶעמְט דָאס אָן בִּפְשִׁיטוּת, אוּן זָאגְט: "אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ".

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס דוּ זִינְקְסְט; אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן קֶענְסְטוּ נָאךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז "תּוֹרָה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט):

"אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רַבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלָל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ בְּלִי הַבָנָה כְּלָל; דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר רְגִילוּת'ער.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרוֹיס זֶען פוּן דִי טוּמְאָה אוּן פוּן דִי קְלִיפּוֹת וואוּ דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז אַ עֵצָה אוֹיךְ פַאר אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע אַז דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גוּט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אַלֶעמָאל אַז אִיךְ זָאל אִיר זָאגְן אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז גוּט גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אַזוֹי וֶועט זִי ווִיסְן וָואס אִיךְ הָאבּ לִיבּ, אוּן וָואס זִי זָאל מַאכְן נָאכְאַמָאל. לְמַעֲשֶׂה קוּמְט עֶס אוֹיס אַסַאךְ מָאל צוּ זָאגְן... עֶס אִיז אַסַאךְ מָאל נִישְׁט גוּט, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אוֹיךְ אָן אַ גוּטֶע סַאפֶּער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל אִיר יָא זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, וַוייל זִי בֶּעט מִיר צוּ זָאגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ אִיר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, אִיר נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין אַז זִי קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט קָאכְן.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיפִיל מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאט מֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין כ.): מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם?" בִּיז ווִיפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייט'ס פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער הוֹיפְט אִין דִי מִילִיטֶער. "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "לִפְנֵי כּוּלֵּי שֶׁלּוֹ", אִין פָארְנְט פוּן אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוֹרְדְקְסִין שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן עֶס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן דִי שִׁיךְ פוּן אִיר הֶענְט, "וְנוֹשִׁיט לָהּ, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיךְ אוּן גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפּ בֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין, זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן אַ מַאמֶע.

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דַיין מַאמֶע; דוּ זָאלְסְט אִיר אַלְץ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, ווִי לְמָשָׁל: "דִי עֶסְן אִיז מַמֶּשׁ אַ מְחַיֶּה", "דִי עֶסְן אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק", אַזוֹי ווִי
~~~~~~~~~~~

דֶער 'תָּם' פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיין ווייבּ: "וָואס פַאר אַ גוּטְסְקַייט אוּן וָואס פַאר אַ ווּאוּילְקֶייט דָאס זוּפּ אִיז", עַיֵּין שָׁם, וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַזֶּה אוּן עוֹלָם הַבָּא.

בִּפְרָט אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן פַּאזֶעטִיווּ צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, ווייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעוֶוען "דֶּרֶךְ אֶרֶץ"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס פַאר אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר דֶּרֶךְ אֶרֶץ", אוּן דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווִי שֵׁיין זֵיי רֶעדְן צוּ זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן לִיבְּשַׁאפְט, בְּשָׁעַת וֶוען דִי אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַזַא דֶּרֶךְ אֶרֶץ - יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין מָאס חוּצְפָּה, זֶעט זִיךְ אָן ווִי שֵׁיין דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶעדְט.

אַנְדֶערְשׁ ווּאוּ מֶען זָאגְט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁטצוּזְהַר אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; דָאס אִיז אַ לִיגְנְט אוּן אַ הוֹצָאַת שֵׁם רָע, ווייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַזַא כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִין דִי וֶועלְט ווּאוּ בַּיי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים. אֱמֶת טַאקֶע, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם רֶבִּינ'ס זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיף גָארְנִישְׁט, מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט וְכוּ'; מֶען פָּארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס צִיּוּן אֲפִילוּ טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן נִישְׁט. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן, עַד כְּדֵי כָּךְ אַז עֶר הָאט צוּגֶערֶעדְט זַיין שְׁנוּר - רֶבִּי נָתָן'ס ווייבּ - זִי זָאל זִיךְ גֵט'ן פוּן אִים, אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט עֶר אִים רוּפְן: "רֶבִּי נָתָן" מִיט אַ רֶ', אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאקֶוֶועם אַז זַיין טַאטֶע רוּפְט אִים רֶ', פְלֶעגְט עֶר אִים זָאגְן: "טַאטֶע: פַארְוָואס רוּפְסְטוּ מִיר רֶ' נָתָן?" הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער זוּן וָואס אִיז מִיר מכבד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּנֶעם פְלַאקֶערְדִיגְן יֵצֶר הָרָע?**

**שְׁאֵלָה:**
~~~~~~~~~~~

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁרַייבּ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן הַארְץ, ווייל אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זייעֶר אַ גוּטֶע ווייבּ, אַ וואוּילֶע ווייבּ, אוּן אַ שֵׁיינֶע ווייבּ, זִי שְׁטֶעלְט מִיר אַלֶעס צוּ אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן פוּנְדֶעסְטְוועגְן בְּרֶענְט אִין מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן אוּן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, אַז אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

אִיךְ ווייס אַז אַ בָּחוּר הָאט אַ תֵּירוּץ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אָבֶּער וָואס קֶען אִיךְ טוּן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן מַיין פְלַאקֶערְדִיגֶע יֵצֶר הָרָע? אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן צוּ רַאטֶעוֶוען אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

דִי עֵצָה פַאר דִיר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי׳ן, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן גוּטֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס פְלַאקֶערְט אִין דִיר. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר ׳קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל׳ וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי עֲבֵרָה, וואוּ עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פִיל עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר ׳אוֹצַר הַקְּדוּשָּׁה׳ וָואס אִיז אוֹיךְ פִיל מִיט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירָה; ווייל וֶוער עֶס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן נִאוּף, עֶר קוּקְט עֲבֵירוֹת אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דָאס רַייסְט אוֹיס דִי שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז מֶען וֶוערְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס - אֲפִילוּ דָאס גֶעזוּנְט, אַזוֹי ווִי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רמ, סְעִיף יד): ״שִׁכְבַת הַזֶּרַע הוּא כֹּחַ הַגּוּף וּמְאוֹר הָעֵינַיִם, וְכָל זְמַן שֶׁתֵּצֵא בְּיוֹתֵר, הַגּוּף כָּלֶה וְחַיָּיו אוֹבְדִים״. מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ לוֹיפְט עֶר נִישְׁט צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר קֶען קָאנְטְרָאלִירְן זַיין מֹחַ. אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין שֵׂכֶל דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ, עֶר דִינְט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער רֶבִּי - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַות נָאוּף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער בָּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן; אִיךְ הָאבּ אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, מִיט דֶעם אַלֶעם לוֹיף אִיךְ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס, אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס פַאר מִיר, נָאר דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶענְסְט מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ לִיגְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~